286

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 9־8 (העפט 3־452) דרייסיקסטע יאר אויג־סעפט. 1969, לאנדאן

## אינהאלט:

ראש־השנה תש״ל׳ החיים והשלום ביד הלשון, „דער הייליקער קריג״, שמע ישראל, כל־נדרי־נאכט אין קאצק, א.א. ..... 3
דער כוח פון יידישקייט (עסיי) ..... שמואל גאלדשמידט 10
א תפילה (ליד) ..... שמואל וההייט 13
מיין תפילה, לאז די ערד מיין קערפער היילן (לידער) ..... עלא זילבערג 13
א געהיימע פייערונג אין ווארשעווער געטא ..... מיכאל זילבערבערג 14
שבת־זייד (ליד) ..... דוד אפאלאוו 17
זיך ארויסגעפלאנטערט, א שיר־המעלותל פאפורי (פראזע און פאעזיע) ..... א. נ. שטענצל 17
באלעסלאוו לעסמיאן ..... יוסף ד. באסט 27
דער אלטער טעמפל אין פראג (ליד) ..... עלזא לאסקער־שילער 28
על מות חבר (אויפן פריצייטיקן טויט פון משה חיים ליכטנשטיין) ..... י. ח. קלינגער 30
יידיש טעאטער אין לאנדאן (באריכט) ..... י. פ. 32
ריישל סאראקין ע.ה. (עקראלאג) ..... בערנארד מענדעלאוויטש 34
21 יאר (ליד) ..... אייזיק גאלדבערג 35
שופר של משיח (מיניאטור) ..... יאסל חריף 36

## יידיש ליטערארישע שבת נאכמיטאגס

(אין בערנארד באראן סעטלמענט 33 הענריקעס סטר. א.1.—3 אזייגער)

שבת, דעם 27׳סטן סעפטעמבער — סכות פראגראם; ס׳באטייליקן זיך מיט רעדן ציטירן און זינגען: יעקב ריכטיגער, מאיר באגדאנסקי און נעט רובין.

שבת, דעם 4׳טן אקטאבער — לכבוד שמחת תורה: רעדנער ה. ז. בענקוויטש.

שבת, דעם 11׳טן — יעקב ריכטיגער — די סדרה בראשית.

שבת, דעם 18׳סטן — מאיר באגדאנסקי — פון זיין נסיעה אין ישראל.

שבת, דעם 25׳סטן — יעקב ריכטיגער פון זיין נסיעה אין ישראל. עלא זילבער וועט לייענען אירע ישראל־לידער.

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל

פרייז 2 שילינג

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר

אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע :—

7 GREATOREX HOUSE, GREATOREX STREET, LONDON, E.1, ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*

דערזועענדיק מיין באגלייטערין, האט פרוילין בארטש, מיט א היסטעריש געשריי, זי פלינק צוגעקלאפט. דאס געשריי איז זיך פארגאנגען אין א געהייל.

איך האב געלאזט שטעקן דעם שליסל אין שליסל־לאך און בין אראפ שנעל פון די טרעפ מיט מיין באגלייטערין — דאס געהייל, ווי א שטיל וואיען, האט אונז באגלייט.

ס׳האט לאנג געדויערט ביז כ׳האב זי בארואיקט. פון איין קאפעע ארויס אין אנדערן אריין ביז מיר זענען זיצן געבליבן ביים טייכל אין טיער־גארטן. די לבנה איז אראפ פונם בריקל און זיך גענומען שפילן אין די שטילע, קוים באוועגלעכע וועלן און טרודע יעני, אן הארמאניש פארטרוימטע און נאך בחנטער, האט שטיל גענומען דערציילן פון איר סאנט־גאל־לען. ס׳האט גע־פלעטשטעט ווי די לבנה אין טייכל: איך מוז לערנען, שטודירן, קענען די קלאסיקער און אזא שטעטל ווי סאנט־גאל־לען איז ממש צוגעפאסט דערצו. מ׳קאן נעמען א בילעט דא אין באנהאף־צא און מארגן זענען מיר אין סנט־גאל־לען.

ווי טרויעריק־פארבענקט, ווי לאשטשעדיק־ליבלעך דער רעפריין האט אריינגעקלונגען אין דער שטילער לבנה־נאכט: סאנט־גאל־לען, סאנט־גאל־לען.

עס איז געווארן טאג. די שטאט האט אונז אויפגעוועקט מיט איר גערויש. מיר זענען ארויס ווי א יונג, נישט־דערשלאפן פארל פון טיער־גארטן. מיר זענען געגאנגען צו דער שטאט צו. ארבעטער האבן געשטראמט צום צוג, צו דער אונטערגרונט־באן. איך האב אויך גענומען דערציילן פון מיין „נישט־דערפארן״ קיין דארטמונד אין די קוילן־גרובנס ... פון מיין נישט דערגרייכן פאלעסטינע ווי א חלוץ ... וועל איך יעצט דערגרייכן?

זי איז ארויפגעפאלן אויף מיר מיט א געוויין. כ׳האב געפילט איר היסטעריש ציטערן — —

מיר זענען געשטאנען פאר א „פארמיטלונגס ביורא פון לאנד־ארבעטער״. איך האב אנגעהויבן צוגיין אין דער ריכטונג. כ׳האב מיך שנעל צוריק אויס־געדרייט, געגעבן איר דעם צייכענונג־בלאק, וואס געהאלטן אונטער מיין ארעם:

„כ׳האב שיער נישט פארגעסן. דאס איז דאך דיינס״. זי איז שטיין געבליבן אזוי מרה־שחורהדיק שיין און הארמאניש־שטיל, אז א ציטער האט מיך ארומגענומען.

דאס מאל בין איך אוועקגעפארן אויף לאנד־ארבעט. כ׳גלויב צום לעצטן מאל, אבער נישט פון שטעטינער באנהאף, נאר פון לערטער.

—המשך פון קאפיטל אין קומענדיקן נומער—

## מזל־טוב

א הארציקן מזל טוב צו מיין פלימעניק **נחום** און זיין פרוי **מרתא שטענצל**, צו דער חתונה פון זייער טאכטער **מרים** מיט **ראובן אברהם בעקער** — בשעה מוצלחת!

**א. נ. שטענצל**

**די יידיש ליטערארישע שבת נאכמיטאגס**, נאך די פיר וואכן וואקאציע, הייבן זיך ווידער אן דעם 23׳סטן אויגוסט.

## לשנה - טובה - ווונטשן

די רעדאקציע „לשון און לעבן“ ווינשט אירע מיטארבעטער, לייענער און כל ישראל א כתיבה וחתימה טובה.

די ברידער נאראדיצקי, בר כוכבא און כרמל, פון פארלאג און דרוקעריי „די נאראד פרעס“ ווינטשן א כתיבה וחתימה טובה זייער מוטער אין ישראל און זייער קרובים און פריינט, אנגעשטעלטע און קליענטן.

זרובבל נאראד און פרוי ווינטשן א גוט יאר קרובים און פריינט.

מנשה און מילי ווייסגראז ווינטשן זייערע קינדער, משפחה און גוטע פריינט, א גוט געזונט יאר.

נ. רובין און פאמיליע ווינשן זייער משפחה און פריינט פון יידיש לשון שוישפילער פון גראנד־פאלעי־טעאטער און באזונדער מארק מארקאוו און עטא טאפעל, אין סאדערן ראדישיא, א כתיבה וחתימה טובה.

עלא זילבערג — שנה טובה ומאושרת, א געזונטן פרייליכן יאר פאר מיין ליבן ברודער׳ זיינע פרוי און קינדער, און פאר אלע פריינט פון אידישן פאלק און לשון.

א געזונט און גליקלעך יאר, ווינטשן מיר אונזער טאכטער איידעם, אייניקל, ריטשמאנס משפחה און פריינט. באזונדערס אלע פריינט פון „פריינט פון יידיש לשון“ די „ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס“ און כל ישראל — אייזיק גאלדבערג און פרוי צביה.

פארזיצערן פונם איסט לאנדאן „וויצ״א מרס. אני נאדלער, ווינשט די מעמבערס פון וויצ״א, בית ציון און „לשון און לעבן“ א כתיבה וחתימה טובה.

סיידי שעני, טורנער סטר. 18 א.1. ווינשט איר ברודער, און פאמיליע, און אלע פריינד א גוט און גליקלעך יאר.

יעקב ריכטיגער און פרוי שיקן א כתיבה וחתימה טובה אלע זייערע קרובים און פריינט און כל ישראל בבכל מקום שהם.

שמואל און אסתר וההייט—ווינטשן זייער פאמיליע, פריינד און כלל ישראל א כתיבה וחתימה טובה.

רחל מירסקי ווינשט איר שוועסטער און שוואגער אין דער שווייץ, איר ברודער מיט זיין פרוי און קינדער אין אמעריקא׳ איר משפחה אין מדינת ישראל אויך אין פאריז און אלע פריינט אין לאנדאן א גוט יאר.

מיכאל זילבערבערג און פרוי — א כתיבה וחתימה טובה צו אלע אונדזערע פריינט, בכל מקום שהם.

ל. ביילי — איך ווינטש מיינע קינדער און אייניקלעך, אור־אייניקלעך, אויך מיין ליבע שוועסטער מיט איער מאן און אלע פריינט, א גוט און געזונד יאר.

מרים לעווי און פאמיליע ווינשט אלע פריינט אלעס בעסטע צום נייען יאר.

דוד גרייווער ווינטשט משפחה און פריינט א כתיבה וחתימה טובה.

נחום שטענצל און פרוי און א. נ. שטענצל ווינטשן אלע זייערע קרובים און פריינט א כתיבה וחתימה טובה.

מארי ביעטש פרוי און זון, ווינטשן זייער משפחה, קרובים און פריינט, בכל מקום שהם, און „פריינט פון יידיש לשון“ א גוט און גליקליך יאר. און א כתיבה וחתימה טובה.

יוסף הלל בינענפעלד ווינשט זיינע טעכטער, איידעמס׳ אייניקלעך, און אלע קרובים און פריינט, א כתיבה וחתימה טובה. אייניקלעך און אוראייניקלעך און אלע אירע קרובים און פריינט אסך גוטע געזונטע יארן.

יצחק פייגנבלאט ווינשט זיינע קינדער, משפחה און פריינט א כתיבה וחתימה טובה.

שלום יאקובאוויטש פרוי און קינדער ווינטשן זייער משפחה, פריינט און אלע יידן א גוט יאר.

גדליה און מלכה ליכטענשטיין ווינטשן זייערע שוועסטער און ברודער, קינדער און אייניקלעך, פריינד און גאנצע משפחה א רואיק און גליקלעך יאר.

שמואל מאקאטאוו ווינשט אלע חברים און פריינט א שנה טובה.

וואלף קאסאוו און משפחה ווינטשן אלע זייער קרובים און פריינט א כוח״ט.

ישראל און בעטטע שפעטמאן ווינטשן דעם כלל ישראל א שנה טובה.

מר. און מרס. סעם הערסט ווינשן זייערע זין, טאכטער, שנירס, אייניקלעך, משפחה און קרובים אין ישראל׳ רומעניע, אמעריקא, א כתיבה וחתימה טובה.

סעמועל, 97 ניוראד „סעקענט קלאטה שאפ“ ווינטש אלע זיינע פריינט א גוט יאר.

דוד בערמאן ספרים און מארקן־סוחר פון 207 לאוער קלעפטאן רויד, א.5, וינטשן זייעו״ע גוטע פריינט און באקאנטע א כתיבה וחתימה טובה.

חיים האלדשטוק ווינשט כתיבה וחתימה טובה זיין משפחה און פריינט.

ישראל שטיגלץ א גוט געזונט יאר זיין משפחה, פריינט, דא און מעבר לים.

מרס. שרה לאה האכשטיין ווינטשט איר פאמיליע, פריינט און זון און קרובים, בכל מקום שהם, א גוט יאר, און א כוח״ט.

צו אלע פריינט און נאענטע דא און איבער דער יידישער וועלט א סך גוטע ברכות צום נייעם יאר. תכלה שנה וקללותיה ותחל שנה וברכותיה.

דר. יעקב י. מייטלים און משפחה.

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 9־8 (העפט 3־452) דרייסיקסטע יאר אויג־סעפט. 1969, לאנדאן

## ראש־השנה תש״ל

ערב ראש השנה, ת״ש, איז דערשינען דאס „העפטל“ נומער 1 — עס האט צומאל נישט געטראגן אויף זיך דעם נומער און קיין נאמען אודאי נישט, ווייל ס׳איז נאך לגמרי נישט געווען זיכער אז א צווייטס וועט דערשיינען. און אויב ערב ראש־השנה, תש״ל, קומט נאך לעבעדיק ארויס דער „לשון און לעבן“ נומער 3־452, איז עס דאך א שטיקל סימן פון א גוטן ווילן כאטש עפעס צוטון; צו זיין מיטבאטייליקט אין יידישן שאפן מיט אלע יידישע ישובים בכל מקום שהם.

איז עס געווען א כתיבה טובה פאר די גרויזאמסטע, גרויליקסטע יארן פון אונזער יידישער געשיכטע, אז מיר זאלן מעגן מאכן א „שהחינו“?

אויב אבער, אז אין די טויזנטער זייטלעך פון אונזער זשורנאל איז עפעס דאך פעסט געהאלטן געווארן פון דעם, וואס געווען און געשעען און ס׳זאל בלייבן לזכר עולם איז דאך נישט געווען בחינם — „אף־על־פי שאיני כדאי והגון לכך“.

דאס איז די תפילה קודם התפילה פונם מינדסטן יידיש־שאפנדיקן ישוב צווישן אונזערע גרויסע שאפנדיקע ישובים — א סימן טוב איז עס דאך: ווארום אויב מיר האבן דרייסיק יאר אויסגעהאלטן און מיר וועלן, אי״ה, ווייטער אויסהאלטן, וועלן דאך די שטארקע יידיש־שאפנדיקע ישובים דרייסיק מאל דרייסיק יאר אויסהאלטן און נאך ווייטער און ווייטער אנגיין — אמן!

## „החיים והמות ביד הלשון“

„יידיש גייט אונטער“! „יידיש איז טויט“! „יידיש איז געשטארבן“ — — — די זאגערס, די קלאגערס, די וואס ווייבען, די וואס מיינען עס, זיי זיינען עס!

די יידישע שפראך, דאס געניאלסטע וואס יידן האבן געשאפן אין די גלות־דורות — אן אינסטרומענט, וואס האלט אונז צוזאם שוין הונדערטער יארן און איז נאך מאמעדיק בכוח הונדערטער יארן אונז צוזאמען צו האלטן — טיף געווארצלט מיט איר אין לענדער און פארצווייגט מעבר־לים; א צעבלעטערטער פאלקלאר מיט לוסטיק־צעזונגענע נעסטער, און ערשט די מאדערנע יידישע ליטעראטור, דער ברייט און הויך צעוואקסענער בוים מיט די זאפטיקסטע און יידישלעך־בעטעמטע פירות, וואס טראגן זייערע געזונטע זוימען־קערנער אין זיך — צי מיר ווילן, צי מיר ווילן נישט! — זיי בלייבן שוין אומשטערבלעך. זייער בליטן־ריח הערט זיך שוין אין אלע לשונות.

מענדעלעס „פישקע דער קרומער", „סענדערל די יידינע" און די אנדערע צענדליקער טיפן, וואס דער זיידע פון דער יידישער ליטעראטור האט געשאפן, זענען לעבעדיקער ווי די אלע שטארבערס און אונטערגייערס!

זיין אייניקלס, שלום־עליכמס, „מנחם מענדל", צי איז ער דען נישט רירעוודיקער ווי די אלע יידישע, מישטיינסגעזאגט, בכל־לשון בערזע־שפע־קולאנטן? און ערשט אונזער „טביה מיט זיינע זיבן טעכטער" — פון אלע דעכער זינגען זיי דאך שוין אראפ באגלייט פון „סטעמפעניו דעם פידלער".

און אויב נישט נאך „העכער" פרצעס מיסטישע, הימלישע מענטשן און ערשט זיינע רעאליסטישע פארטיפטע אין פינסטערע קעלערס. און ווי ראיעט עס מיט לעבן אין אשס וויסנבערגס „שטעטלעך" און די וויטאלקייט פון יונה ראזענפעלד און דוד בערגלסאן. און פון רייזענען און אפאטאשו און ביזן היינטיקן טאג די צענדליקער און הונדערטער אומשטערבלעכע טיפן, אין אונזער שאפעריש־לעבעדיקער פראזע, אז בודא האט נישט אזויפיל פינגער אין זיינע הענט זיי אויסצורעכענען.

און אצינד? די יידיש פארלייקענער מיט זייער נישט־יידישלעכן געשריי „רעלידזשן", „סורוויוול", „עדיוקיישן" — זייער געבלעקעכץ־געשריי גייט עד לבהשמים, אבער עס גייט אלץ מטה מטה עד שאול תחתיה. די אלע פאלשע געוואלטן וועלן הימלען נישט שפאלטן, ווייל יידישקייט מוז זיין „ביי הארט" פנימיתדיק — „החיים והמות ביד הלשון"!

מ'שניידט אפ ס'יידישע ווארט פון יידישן מויל און מ'האט טענות, אז מ'גייט אונטער — אז די יוגנט אנטלויפט פון אונז. ווי ציניש . . .

אין אונזערע היימישע שטעטלעך אין אונזער יוגנט געווען 50־60 פראָ־צענט סאציאליסטיש, קאמוניסטיש, בונדיסטן, אנארכיסטן, און קיין איין ייד איז נישט אוועקגעגאנגען פון יידנטום.

אין די ווארשטאטן, וואו אונזער יוגנט האט בחברותא געזונגען יידישע פאלקסלידער פון עדלשטאדט, ראזענפעלד, האט די שכינה זיך געטובלט בזיעת אפים און וואו די הארעפאשניקעס האבן געוואנדערט, איז די שכינה מיט זיי מיט געוואנדערט — איך געדענק נאך ווי ווייטשעפל האט געקאכט מיט יידיש לעבן!

מ'האט ארויסגעשניטן די יידישע צונג פון יידישן מויל און מ'באלאקעט: יידיש גייט אונטער.

מ'האט אפגעהורשט תלמוד־תורה מלמדים ארויסצואווארפן ס'יידישע ווארט פון די „צוגאב־שולן" און מ'האט טענות יידישע קינדער גייען אוועק פון יידישקייט.

חסידישע יידן ווייסן דעם סוד, וואס ליגט אין יידיש און אין זייערע חדרים און ישיבות, וואו מ'לערנט אין יידיש, קלינגט דער קול־תורה.

די ליובאוויטשער דא האבן אפנים פאר זייערע „גימנאזיעס" אויך פאר־קויפט זייערע תינוקות של בית רבן און זיי בארוישן זיך רעקלאמיש מיט זייערע תפילין־עגלות, וואס רוישן אין די גאסן . . . און מיט די „פיקטשעס"



אין די גאזעטן . . .

יוגנט קאן מען נישט נארן. זיי לאזן זיך נישט אפנארן.

און נישט נאר דא, אין די תפוצות, אין גלות, אין ישראל קומט א קבוץ־יוגנט ארויס מיט א טענה: „אין יעדן לאנד קאן מען טראכטן פון אסימילאציע, אבער נישט אין דאזיקן לאנד" — אין אייגענעם לאנד. אויף העברעאיש חלשט נעבעך, א תרבות־יוגנט נאך א שטיקעלע אסימילאציע — א לעצט שאנס, אזוי צו זאגן.

אז עס פעלט דער יידישער ניגון, דאס יידישלעכע פייערל אויפן פריי־פעטשיק — סאלדאטן־מארשן ווי זיגעריש זיי זאלן נישט זיין און די „דראג"־היפי־לידער, ווי בים־באמבעדיק זיי זאלן נישט קלינגען, גענוגט נישט!

אן יידיש — שעפעריש אויפגענומען דעם אקסידענט אויף אונזער אייגנ־ארטיקן אופן! — וועלן מיר אונטערגיין צווישן די אריענטאלישע שבטים, ווי מיט אלע שבעים לשונות צווישן די קולטור אומות — שפלות פארקריכט זיך און ווערט בטל! ווי בלאזשנדיק־בעלאז מוז דאס זיין, אז נישט נאר אין פארגויאישטע גלות־קהילות נאר אין דער אייגענער מדינה האט יידישע דעם סטאטוס פון א לשון לועזית.

איז אין ארץ־ישראל א נס געשעען! אין ירושלים, אין תל־אביב, אין חיפה, אין צפת זינגט דאס יידישע ווארט אין די גאסן — דאס געזונטע לעבן איז גובר יעדע פאליטישע מאכערייקע! קולי־קולות איבער פינף מינוט יידיש אין ישראל־ראדיא. פראנצויזיש, ענגליש, אראביש איז לעגאל אין יידישע שולן, אבער יידיש לא — מיט א גרויסער אלף! (און מישטיינסגעזאגט, די אונטערקוליסן דיפלאמאטיע, וואס מ'טרייבט מיט יידיש . . . די געניאלע שאך־צוגן! דאס נאר איצט בדרך אגב.)

דאס פאלק עמך אבער וועט נישט אונטערגיין. ס'לעבט, ס'קעמפט — אויסגעקעמפט יידישע צייטונגען, זשורנאלן, פארלאגן, טעאטערס. א פאלק גייט נישט אונטער, עס לעבט מיט מאמע־לשון — דער יידישער ניגון זינגט אין די גאסן פון ירושלים.

„החיים והמות ביד הלשון"!

און אין סאוויעט־רוסלאנד, וואו יידישע עפנטלעכע דערציאונג איז לגמרי נישט פאראן — נישט רעליגיעזע, נישט וועלטלעכע, כמעט אויסגעראט — ריידנדיק יידיש, נעמט די יוגנט אויף יידישע געשיכטע, יידישע טראדיציע, פאלקסטימליכע יידישקייט — יידישלעכן עטאס און עפאס.

די געניאלקייט פון יידיש־לשון, וואס עס איז אין זיך כולל אונזער גאנץ לעבן פון אברהם אבינו אן, פון אדמען! — ביז אין די טעג פון ימות־המשיח.

די אונטערגייערס, די שטארבערס, די זעלבסטמערדערס אונזערע, וואס ווילן זיך בידים א מיתה משונה אנטון, זעען דעם ריס אונזערן, די כרות, חלילה, נישט דעם כריתות־ברית, נישט דעם אחרית הימים.

אונזער מאדערנע דיכטונג, די יונגע אצינד, נאך דער צווייטער וועלט־מלחמה אין אמעריקע, אין ישראל און בכל מקום שהם — —

נאך דער מיתה משונה אין די טויזנט און איין שטעטל, וואס איז געווען און ס׳איז געשעען, ווי וואלט זי געקענט אויפעפענען א מויל צו ריידן צו דער יידישער יוגנט, וואס וויל זיך ראטעווען פון קרעמאטאריעס, גאז־קאמערן — אנטלויפן פון פאלק כאטש מיילן ווייט — ווי וואלט זי געפונען ווערטער פאר זיי אין אלע זיבעציק לשונות? זענען דא אזעלכע ווערטער?

אבער די גבורה פון די ווארשעווער געטא־העלדן באזינגען קאן מען דאך, מעג מען דאך, פארדיכטן די מסירת־נפש קדושה פון די קדושים אין די געטאס, אין די קעמפס, ווי ארויסגעראטעוועטע פון די אויוונס ראנגלען זיך צו א לעבנס־ברעג—צו מאכן לעבעדיק וואר די וויזיע פון א נביא יחזקאל מעג מען דאך, קאן מען דאך — — —

און צי איז דען דא אן אנדערע שפראך, אן אנדער לשון, מיט וואס מ׳קאן ריידן צו יוגנט? אז זיי זאלן אויפעפענען מויל און אויגן?
„העוף השמים יוליך את הקול״.

## דער „הייליקער קריג״

גוט, זיי ווילן א הייליקן קריג,
איז אין מלחמת־מצווה געגאנגען,
און בפירוש, ווי אין פסוק שטייט,
ווי משה מיטן שטעקן דערלאנגען.

ככתוב, פונקט ווי אין דער תורה
אין דער הייליקער עס איז געשריבן
און עד חרמה, איבערן ירדן,
איבערן הר־לבנון געטריבן.

פון די הענט פון די שקלאפנהענדלער
אברהמס אייניקלעך אויסצולייזן;
די הונגעריקע ארבעט געבן,
ווי מענטשן באשוכן און באשפייזן.

די קיניגלעכע פייזלס, הוסיינס,
און נאסער זייער „פירער״ — דער „לידער״
ווי פעטראל פון דער ערד זיי צאפן,
ס׳בלוט פון זייערע אייגענע ברידער.

וועלן זיי זיך דאס קראצן, נעבעך,
פון די מכות וואס זיי וועלן כאפן;
ס׳וועט זיין ממש „וימש חושך״ —
די כותל? א וואנט ז׳וועלן טאפן.

גוט, זיי ווילן א הייליקן קריג,
איז ווי חלפים די שווערדן שארפן!



ביז די שקלאפן פריי וועלן ווערן
און האבן זיי וועלן וואס זיי דארפן.

די הארעמס צעיאגן, פארטרייבן,
ס׳פאלק זאל לעבן הארעמלאז צופרידן;
פעלאך און קיבוצניק, דארף און שטאט
איין גרויסער, הארעפאשנער פרידן.

יא, ווי אין אמאליקע צייטן
ס׳גאנצע מזרח־לאנד איין גרויס גן־עדן;
זענען מיר דען נישט די אייניקלעך
פון איין טאטן אברהם, אונזער זיידן?

ווו אמאל וועלן מלאכים זיין
געסט אין אונזערע מענטשלעכע הייזער;
„איש תחת גפנו ותחת זיתו״ —
איין מענטש וועט זיין דעם צווייטנס דערלייזער.

## שמע ישראל

עס טוט מיר אזוי ווי דאס הארץ ווען איך טראכט,
חלילה־וחס עודך — נאך א מלחמה שלאכט!
א גרויס מיטלייד צו די פאלאכן נעמט מיך ארום.
ווי גרויזאם אומזיסט ווידער איצט זייער אומקום.

דער יידישער סאלדאט, אז וואס טון קאן ער,
אפשרווארטן ביז מיט לאדענען ס׳געווער,
דער אומבאהאלפענער אראבער פערטיק ווערט?
פיפ־פאף! און א טויטער ליגט ער שוין אויף דער ערד.

באוואפנטער סאלדאט אין האנט א ביקס האלט,
און אן אומשולדיקער מענטש א הרוג פאלט,
אויף דעם? אויף דעם? אויף וועם מער רחמנות, א ג אט,
„— — השם אלוקינו השם אחד״.

* * *

זעט מען אין מענטש נאך דעם צלם־אלוקים,
א סימן אז ג אט איז דאך פאראנען;
אויב אבער צום שעיר־לעזאזל מ׳ברויכט אים?
אז א שטן ס׳איז דא, דאס איז שוין זיכער!
בלויז א באוויז פאר ג אט דעמאלט פון וואנען?

אפשר פון דעם וואס מיר הערן נישט אויף,
איינס ס׳אנדערע צו קוילען און צו מארדן?
אז וויפיל בלוט שוין בלויז אויף פיצעלע ערד,

וווּ גאָט אַליין זאָל זיך האָבן באַוויזן —
נישטאָ אַזױפֿיל וואַסער אין ירדן.

און אפשר אַז גאָט איז דאָך פֿאַראַנען,
דער באַוויז ס׳איז טאַקע, ער, דער שטן!
וואָרום גאָט אַליין צי קאָן אַ מענטש אים זען?
אָבער ס׳שײַנט דאָך זיכער אין הימל די זון,
אויב אויף דער ערד ס׳פֿינסטערט זיך אַ שאָטן.

## ס א נ ע ט

זיי קאָנען עס נעבעך נישט אויסהאַלטן,
אַז געפֿינען אַ שטיקל רו ס׳זאָל דער ייִד,
און דווקא איצט ווי פֿאַרמאַטערט און טויט מיד,
ר׳קומט צוריק אין זײַן מקום זײַן אַלטן.

נישט זײַן לײַב טויט אין דער ערד באַהאַלטן —
אַקערן, זי זייען — — זע ווי ס׳וואַקסט ווי ס׳בליט
און פֿון זײַן האָפֿערדיק־ און זשניוועשניט ליד,
אַלע הימלען טוען זיך אַזש שפּאַלטן.

זיי טוען מיר, נעבעך, די גויים גרויס לייד,
אַז שטאַרקער ווי זייער האָס דעם נביא׳ס רייד,
און זיי מוזן דאָך מקוים ווערן.

און אויב אמת די נבואה מכוח אונדז ייִדן,
וועט דאָך אויך וואָר זײַן: פֿעלקער וועלן שמידן
שווערדן און סאַכעס פֿון די געווערן.

## „ומפגיע אין בעדינו״

(צו דער פּלוצלינגער פּטירה פֿון ראַדאָמסקער רבין זצ״ל אין ישׂראל)

זיי רוקן זיך אָפּ איינער נאָכן צווייטן,
פּונקט ווי זיי וואָלטן פֿון אונדז אַנטלאָפֿן;
איז ווער זאָל מתפּלל זײַן אַצינד פֿאַר אונדז,
גלויבן קענען און קענען נאָך האָפֿן.

און ווער ווייסט אפשר גאָר זיך אָפּגעטראָגן,
נישט ברויכן אָפּשפּרעכן אונדזער וואָפֿן:
אַז יעדע באָמבע אין ציל אָפּגעשאָסן,
לעבנס אין די הונדערטער געטראָפֿן.

גאָט, ווי טיף דו האָסט אונדז אַרונטערגעקריגט,
העכער נאָך זאָלסט זײַן אין די אין־סוף;
מײַנע אויגן נישט מיט זידיקע טרערן —
מיט דם־התמצית בלוט איבערלאָפֿן.



## „יונה מצאה בו מנוח״

נישט יענעם האַרמידער בײַ דער כותל,
אַ קדיש אָפּגעזאָגט, אַ תּפֿילין לייג,
אין אַ פּושקע אַ מטבע געשטופּט,
„תּחת גפנו ותּאנתו״ מ׳פֿאַרט אַהיים,
און גאַנץ ארץ־ישׂראל מ׳ווײַזט אַ פֿײַג.

„על ארץ חמדה טובה ורחבה״,
געזאַנג דײַנס צווישן דײַנע פֿיר ווענט,
דרײַמאָל אין טאָג אין דײַן יעדן געבענטש,
לײַבהאַפֿטיקע הייליקייט טיף דערלעבט,
און דאָך אָוועקפֿאָרן כ׳האָב דאָך געקענט.

מיט מײַן יעטווידן ביסן וואָס איך טו,
איר קומט מיר איצט ביידע אויפֿן געדאַנק,
דו, די הייליקע ערד זײַט מיר מוחל —
„על ארץ חמדה טובה ורחבה״,
כּסדר ס׳זינגט אין אויער מיר דײַן געזאַנג.

## כּל־נדרי־נאַכט אין קאַצק

וואַיענדיקע וועלף, אויסגעהונגערטע —
פֿינסטערע וואָלקנס ווער צונויפֿגעטריבן,
פֿאַר די פֿענסטער, אויף די וויאַנע בלעטער,
רוישיק דער שטן זיך אַרומגעטריבן.

וואַלד אין ווינד וויגט זיך שוואַרץ ס׳בית־המדרש,
הערצער ברעכן זיך — צווייגן פֿון די ביימער!
זיפֿצנדיק פֿאַלן שוואַלבן פֿון נעסטער —
דער חזן הייבט אָן דעם „הנה כּחומר״.

עפֿענט זיך דער הימל פֿײַערדיק אויף,
צו פּתיחה ס׳אָרון־קודש — „פּתח שמים״?
קלאַפּט דער רעגן אין די שויבן, אָדער
די טרערן: „מי למות ומי לחיים?

פֿון אַ בליץ אַ געטראָפֿענער אָדלער,
פֿליט דער קאָצקער אַרײַן צווישן דעם עולם:
„עולם, גולם״, צעדונערט ער זיך ווילד,
„ייִדן, ווער מיינט איר איז דער בורא עולם,

אַ טעפּער, אַ גלעזער, אַ קאָוואַלטשיק,
מיינט ממעמקים אַזוי געזונקען״?

זיין בליק צום ארון־קודש הויבט זיך אויף,
און ווי פון א קאוואדלע שפריצן פונקן:

„גאט וואס שפילסט דו דיך מיטן מענטשעלע,
און צעברעכסט עס ווי א ליימיקן שארבן;
טאטשעסט עס אויף דיין כדור־ארץ־ראד,
פון געבוירן ווערן ביזט צום שטארבן.

„פון דעם „בנפשו יביא לחמו", נעבעך,
וואס ווילסט דו?" קיין ווארט מער פון זיינע ליפן;
ווי פחדימדיק שטיל — — פון ארון־קודש
חיות הקודש מ׳הערט רעווען און כליפן.

אזא פחדימדיק שווייגן — און ראפדים,
גאנצער עולם איין טאנצדיקער ניגון:
צוויגן — זינגנדיקע פולע נעסטער! —
פארפלאכטן אין איין דבקותדיק צעוויגן.

פעסטער, שטארקער, טיפער, געהויבענער —
כעלות, ווען די זון איז אויפגעגאנגען,
האט ס׳בית־מדרש נאך אלץ געציטערט,
פון די חדווה־טענץ אין דבקות־געזאנגען.

שמואל גאלדשמידט

## דער כוח פון יידישקייט *

וואס האלט אונז צוזאמען היינטיקע צייטן?

דאס איז א נאטירליכע פראגע אין די זעכציקער. ווארום עס איז היינט — טעכניש גערעדט — זייער לייכט פאר א יידן אויפצוהערן זיין א ייד. עס איז ניט פאראן קיין גרויסע מניעה פאר א יידן אוועקצוגיין פון יידישן פאלק אין די ראמען פון א פרייער געזעלשאפט. ניט אלע יידן זעען אויס ווי פישקע דער קרומער. על כל פנים, אויסערליכע שטריכן בייטן זיך אין משך פון איין דור, ווי מיר האבן געזען אין מדינת ישראל, כאטש ליסענקא איז אומגערעכט אין אנדערע פרטים, הכלל, וואס האלט אונז צוזאמען? זיכער ניט פארמעלע פרומקייט אין אלע פאלן. איך אליין למשל — און יעדער פון אונז רעדט פאר זיך, און נאר פאר זיך, אין אזוינע ענינים — קען אפן זאגן, אז פארמעלער יודאאיזם, ווי ער ווערט פראקטיצירט אין אזוי־גערופענע עמאנציפירטע יידישע קרייזן אין מערב, וואלט מיך ניט געהאלטן צווישן יידן קיין פינף מינוט.

* דער דאזיקער עסיי איז גענומען פון גאלדשמידט׳ס נייעם בוך „יידן בין השמשות". דער מחבר האט אליין זיין עסיי איבערזעצט אין יידיש פאר „לשון און לעבן". רעדאקציע



איך נעם אן, אז דאס וואלט געווען די שטעלונג פון זייער פיל יידן, וועמענס דערציאונג עס איז געווען א העברייאיש־וועלטלעכע און ניט אנגלא־רעליגיעזע. וואס האלט אונז אויף אלס יידן?

דא מוז איך אריינפירן א נייעם באגריף — יידישקייט. יידישקייט לאזט זיך ניט איבערזעצן אפילו אין העברייאיש, שוין אפגערעדט וועגן אנדערע שפראכן. איך קען עס אפילו ניט גענוי דעפינירן, כאטש עס איז קלאר, אז מיר האבן עס אין זיך, אז מיר לעבן מיט דעם, אז עס מאכט פון אונז דאס וואס מיר זיינען. דעפינירן יידישקייט איז שווער, ווי געזאגט, אבער מען קען זייער לייכט באשרייבן די השפעה פון יידישקייט אויף א יידן; דעם כוח פון יידישקייט אינעם לעבן פון יידישן פרט און יידישן כלל.

אונזער יידישקייט נעמט זיך פון אונזערע סאמע ווארצלען — און ווארצלען זעען זיך ניט בדרך כלל...

יידישקייט איז ניט יודאאיזם. דאס דארף מען קודם כל פעסטשטעלן. יידישקייט איז דער מיסטישער כוח אין אונזער לעבן, אונזער תורה און אונזער חכמה, אונזערע ליידן אין עבר, אונזערע טראדיציע, חסידישע צדקות און מתנגדישע הקירות. און נאך דעם אלעם בין איך נאך ניט פארטיק. די ליסטע איז נאך ניט אויסגעשעפט...

איך פלעג זיך אפטמאל פרעגן: וואס האב איך געמיינזאמעס מיט א יידן פון תימן, וועלכער האט קיינמאל ניט געהערט פון טעאדאר הערצל, שוין אפגערעדט פון משה העס, פינסקער און ליליענבלום, איידער ער איז געקומען קיין ישראל, וועמענס שטייגער פון דאווענען איז לחלוטין אנדערש פון מיין טאטע׳ס און מיין זיידע׳ס וועמענס ניגונים מאכן אויף מיר ניט קיין איינדרוק.

די תשובה אויף דער דאזיקער פראגע האב איך געקראגן אין איינער א נאכט אין גליל, ביים קבר פון רבי שמעון בר־יוחאי. עס איז געווען ל"ג בעומר און איך בין געפארן צום קבר פון רבי שמעון. עס זיינען געווען פארזאמלט ביים קבר ארום צען טויזנט מענטשן. מאנכע זיינען געזעסן אונטערן אויס־געשטערנטן הימל, אנדערע האבן זיך לאנגזאם באוועגט אין א קרייז. מאנכע האבן מתפלל געווען און אנדערע האבן גלאט באקוקט די סצענע. מאנכע האבן געזוכט א תרופה צו זייערע שלאפקייטן און אנדערע זיינען גלאט געווען נייגעריקע צושויער. אבער מיר זיינען אלע געווען איין משפחה, שותפים צו דעם קבר פון רבי שמעון. מיר האבן אלע געפילט אן עקסטאטישע דערהויבנקייט, וואס איז ניט געווען רעליגיעז נייערט זייער טיף יידיש... דאס איז געווען א מאניפעסטאציע פון יידישקייט.

איך דערפיל מיינע יידישע ווארצלען באלד ווי איך גיי אריין אין אן אלט־מאדישן בית־המדרש — ליידער זיינען קיין סך ניט געבליבן — כאטש דער ציל פון מיין באזוך איז ניט תפילה אין דעם אנגענומענעם זין.

מאנכע יידן פרעגן: וואס האבן ספרדישע יידן געמיינזאמעס מיט רוסישע יידן, לאמיר זאגן, אדער מערבדיקע יידן? דער ענטפער איז, אז מיר פארמאגן ניט נאר ביאליק און טשערניכאווסקי אין אונזער נאציאנאלן אוצר נייערט

אויך יהודה הלוי און שלמה בן־גבירול. בעצם וואלטן מיר ניט געהאט א יהודה הלוי אן א שלמה בן־גבירול. עס איז איין גאלדענע קייט.

און אט איז נאך א ביישפיל פונעם כוח פון יידישקייט.

ניט לאנג צוריק האבן מיר ווידער געזען דעם „דיבוק", ווידעראמאל לויט דעם נוסח פון „הבימה". עס איז געוועז דער אלטער „דיבוק" על פי אנסקי און וואכטאנגאוו — ווי אנסקי האט דאס שטיק געשריבן און ווי וואכטאנגאוו האט עס סצעניזירט אין מאסקווע, אין יענע טעג נאך דער 1917־רעוואלוציע. מאנכע ניט־יידישע טעאטער־קריטיקער האבן געהאלטן, אז דאס שטיק איז אלטפרענקיש, ניט וויכטיק מער, אפילו ניט קיין גוטער ביישפיל פון א היסטארישער פארשטעלונג. אבער וואס ווייסן די גוים וועגן „דיבוק"? איך האב געזען דאס שטיק ניין מאל. יעדעס מאל פארגעס איך מיין לאגיק און ווער פארוויגט אין חסידישער ראמאנטיק. איך פרעג ניט קיין שאלות. וויבאלד דער מיראפאלער צדיק דערשיינטביים לאנגן טיש — בין איך זיין אונטערטעניקער קנעכט — איך, א ליטוואק פון דורות . . .

אויב איר וועט מיך פרעגן, ווי אזוי קען א ליטוואק ווי איך זיך ארייגלאזן אין אזוינע חסידישע מעשיות, וועל איך אייך ענטפערן ווי מאירקע, איינער פון די בטלנים אין אנסקי׳ס דראמע. איר וועט זיך דערמאנען, אז ער דערציילט די מעשה וועגן רבי שמעלקע פון ניקעלסבורג. רבי שמעלקע, זאגט ער, האט ניט געטראגן קיין פשוטן גארטל נייערט א גיפטיקע שלאנג ארום בויך. צוואס האט רבי שמעלקע געדארפט א שלאנג, און דערצו נאך א גיפטיקע? בכדי ער זאל קענען הייסן די שלאנג איינבייסן די, וועלכע האבן ניט געוואלט מקיים זיין א פסק אין א דין־תורה . . .

ווען איינער פון די בטלנים, נחקע, פרעגט מאירקען, ווי אזוי קען דאס מעגליך זיין, ענטפערט אים מאירקע בזה הלשון: „איך דערצייל דיר אן אמתדיקע מעשה און דו פרעגסט נארישע קשיות". . .

פארוואס האבן פארהארטעוועטע זעלנער אין מיטן פון א שלאכט זיך אנגעשפארט אויפן כותל מערבי און געוויינט מיט טרערן פון ביינקשאפט און שמחה? פארוואס האבן אפיקורסים און הומאניסטן פון קיבוצים, פאר־שטעלט אלס הארטע פאראשוטיסטן צו גיין אין מלחמה אריין, אוועקגעשטעלט זייערע ביקסן און געפרוווט לייגן תפילין ביים כותל מערבי? דאס איז געוועזן א מאניפעסטאציע פון יידישקייט. יידישקייט איז פאראן אין ישראל אזוי ווי אין גלות. יידישקייט איז פאראן דארטן וווּ יידן זיינען פאראן . . .

יידישקייט ווירקט אויף פארשיידענע יידן אויף פארשיידענע אופנים. קלאר אז צווישן פינף און צען פראצענט יידן גייען אוועק פון יידישן פאלק אלע יאר. אזויפיל גייען אוועק אויך פון אנדערע פעלקער, פון די ענגלענדער, פראנצויזן, איטאליענער, וועמענס נאציאנאלע ווארצלען עס זיינען אויך זייער טיף. מיר זיינען ניט אנדערש ווי אנדערע אין דעם פרט.

עס איז פאראן א וואונדערליכע סקיצע ביי בוקי־בן־יגלי קאצענעלסאן, וואס הייסט „צווישן די שטיינער אין פעלד" („בין אדני השדה" אין העבריי־



אישן אריגינאל). דארטן ווערט געזאגט: „איר קענט אפרוקן שטיינער, אבער איר קענט ניט אפרוקן ביימער, ווארום ביימער האבן ווארצלען".

דאס איז דאס!

מיר האבן ווארצלען. דעריבער ווילן מיר בלייבן וואס מיר זיינען און אפילו פארזיכערן, אז אונזערע קינדער זאלן בלייבן יידן. מיר ווילן אונזער יידישקייט איינפלאנצן אין נעכסטן דור.

„פארוואס בין איך א ייד"? — איז א נארישע פראגע . . .

עס איז געוועזן אן אומדערטרעגליכע לאסט צו זיין א ייד נאך גאר ניט לאנג צוריק. איצט, אז מיר האבן מדינת ישראל, אז אונזער נאציאנאלער קיום איז פארזיכערט אויף א טויזנט יאר און מער, איז עס א גרויסע דערפארונג צו זיין א ייד. געוועזן א צייט ווען מיר האבן מורא געהאט טאמער דער כוח פון יידישקייט וועט זיך אויסשעפן. היינט איז קלאר, אז דער דאזיקער כוח איז נאך אלץ שטארק, כאטש ער האט נייע פארמעס.

אזוינע מעטאמארפאזעס זיינען ניט קיין חידוש אין א באהאלטענעם כוח . .

שמואל ווהייט

## א תפילה

אנאויסגעמיטשעטער,
א פארבענקטער, א ציקרענטער,
קום איך ש די צו דיר,
מוזט דערהערן מיין תפילה,
אין צייט פון נעילה,
איך וויל מיט דיר
שלום שליסן:

לאז מיך ניט צאנקן
אין א צייט
ווען מיינע געדאנקן
זיינען ביי דיין טיר;

און ווי דער סנה
האלט עס אין מיר איין ברענען
פון הערצענס־קוואל —

— קען עס ניט פארלעשן,
שווים איך אין אים
פון ביטערן גורל . . .

אלמעכטיגער,
וויש אפ מיינע טרערן
איידער איך וועל פארצערן . . .

עלא זילבערג

## מיין תפילה

ניט פאר זיך אליין איך קום דיך בעטן,
ניט פאר מיין אייגן נוטץ איך רוף דיך „העלף",
באשיץ דיין פאלק אין לאנד ישראל,
פון די סטאדעס ווילד צורייצטע וועלף.

באהיט א ג׳ די יונגע צארטע פלאנצן,
וואס וואכן טאג און נאכט דיין הייליג לאנד,
זיי בעטן נישט פאר מער, ווי נאר צו בויען,
צו פלאנצן גערטנער אין דעם מדבר׳ס זאמד.

יעדער ווערימל זיין אייגן ווינקל,
יעדע פייגאלע זיין אייגן היים עס בויט,
דיין פאלק ישראל אזוי לאנג געוואנדערט
פארפאלגט געשלאגן אין ארימקייט און נויט.

ס'איז צייט דו זאלסט אונז שוין באפרייען,
דער כוס איז פול, עס קען ניט האלטן מער,
דערלייז ישראל פון אירע בייזע שונאים,
דאס איז מיין תפילה, מיין איינציגער באגער.

## לאז די ערד דיין קערפער היילן

לאז דעם ווינט דיין פנים קושן,
לאז די זון דיך גלעטן,
פון די בלומען ווייך פארפוכטע,
א געלעגער דיר אויסבעטן.

טרינק דעם ריח פון די בוימער,
הארך צו זייער נגון,
זאל דאס רוישן פון די בלעטער,
צום שלאפן דיך פארוויגן.

לאז די ערד דיין קערפער היילן,
פארטרוי אין איר דיין ליידן,
ווי א פריינט זי ווערט דיך טרייסטן,
ווי א מוטער צערטלעך ריידן.

יעדע שעה מיט איר פארבונדן,
ווערט דיך שטארקער מאכן,
און ווי אמאל אין קינדעריארן,
ווערט קלינגען זיס דיין לאכן.

ווארף אוועק די טריבע זארגן,
און פארגעס דיין קומער,
לאז די שאטנס פון דיין טרויער,
ניט פארטונקלען דיין זומער.

מיכאל זילבערבערג

## א געהיימע פייערונג אין ווארשעווער געטא

— א קאפיטל פון טאגבוך, וואס איז דעם זומער פארעפנטלעכט געווארן אין לאנדאן — (אין ענגלישער איבערזעצונג, ד.ר.)

געציילטע טעג טיילן אונז פון אנהייב פון די אזוי גערופענע 'דעפארטאציעס', פון דעם אומקום פון דער גרעסטער יידישער קהילה אין אייראפע. עס איז זומער און די זון שיינט אריין אויך אין די פינצטערע גאסן פון ווארשעווער געטא. אבער יידן לעבן אין שרעק, אייך ידיעה איז סותר די צווייטע, עס קאכט ווי אין א קעסל. די קלאנגן וועגן דעפארטירן יידן אויף מזרח שטארקן זיך פון טאג צו טאג, יעדער שרעקט זיך פאר מארגנדיקן טאג.

און אין דעם מורא'דיקן הו־הא געשען זאכן נישט צום גלויבן. צי איז מעגלעך זיך פארצושטעלן, אז אין די טעג פון שרעק און אומרו זאלן מענטשן טראכטן וועגן א כ' תמוז פייערונג, צו דערמאנען די צוויי נאציאנאלע פיגורן טעאדאר הערצל און חיים נחמן ביאליק, וואס זיינען אין נארמאלע צייטן אפגעמערקט געווארן אין יידישע שטעט און שטעטלעך מיט גרויסע פארזאמלונגען פון די ציוניסטישע ארגאניזאציעס.



אויפן אויער, בסוד, ווערט דערמאנט דער טאג כ' תמוז, וואס וועט אפגעמערקט ווערן אין ווארשעווער געטא, פיר א זייגער נאכמיטיק, אויף ארלע גאס, אין דער היים פון יידישע שרייבער און קינסטלער. דעם סוד הער איך פון יצחק בערענשטיין, א באקאנטער שרייבער און דענקער, עס זאגט מיר געהיים וועגן דעם דער יונגער זשורנאליסט אברהם זעליג כאנאכאוויטש, עס חזרט איבער דעם סוד דער באקאנטער זשורנאליסט מנחם בערנהאלץ־סעלים און אנדערע. נישט אלע פון די דערמאנטע זיינען איצט טעטיק אין דער ציוניסטישער באוועגונג, עס בלייבט פאר מיר א רעטעניש פון וואנען האבן זיי גענומען די ידיעה וועגן דער געהיימער כ' תמוז פייערונג.

און אודאי איז מען אינטריגירט צו זען ווי וועט אזא פייערונג אויסזען אין די שרעקלעכע געטא באדינגונגען.

שא שטיל שארן זיך אליין אין דער היים פון יידישע שרייבער אויף ארלע גאס א ריי באקאנטע אין ווארשע פערזענלעכקייטן. א חוץ דעם באקאנטן ציוניסטישן אקטיוו זעט מען אויך מענטשן, וואס וואלטן אין נארמאלע צייטן זיכער זיך נישט באטייליקט אין אזא פארזאמלונג.

עס זיצן דא ארום הונדערט מענטשן, שטיל, קאנצענטרירט אין זיך, יעדער גיט זיך אפ א חשבון פון דער געפאר, וואס דראט אין פאל פון עפעס א מסירה, פון א דייטשישן איבערפאל אין דער שעה. מענטשן זיצן אוןווארטן. מען זעט נישט קיין טיש אויף דער בינע, נישט קיין בענקלעך, נישטא קיין סימן פון די מענטשן, וואס האבן די פארזאמלונג ארגאניזירט.

פונקט פיר אזייגער הייבט זיך עפעס אן. פון צווישן די פארזאמלטע שטעלט זיך אויף הרב יחיאל מאיר בלומענפעלד, דערנענטערט זיך צו דער בינע, גייט געלאסן ארויף אויף די שטיגלעך און בלייבט שטיין א מינוט שטיל, אבסערווירנדיק די פארזאמלטע.

און אין געציילטע מינוטן זאגט ער אלץ, וואס יעדער פילט אין דעם מאמענט.

הערצל איז געקומען צו אונז צוריק, זאגט הרב בלומענפעלד, ער האט געזען און געפילט, אז עס דערנענטערט זיך א חורבן פאר יידן אין אייראפע, אז אנטיסעמיטיזם איז א פלאג פאר אונז יידן. אויך דער דיכטער חיים נחמן ביאליק האט פאראייביקט אין זיינע לידער די פאגראמען אויף יידן אין רוסלאנד. אויף דער מצבה פון די פופציק קרבנות פון קישעניעווער פאגראם געפינען זיך ווערטער, וואס ביאליק האט אויפגעשריבן אין יענעם יאר — ארץ אל תכסי דמם, זאל די ערד ניט פארדעקן זייער בלוט. אן ספק דארפן מיר היינט, אין די בלוטיקע און טראגישע טעג, לכל הפחות דערמאנען די צוויי גרויסע פערזענלעכקייטן, בפרט אין טאג פון זייער יארצייט.

און די פארזאמלטע זיינען געווען דערשטוינט, ווען הרב בלומענפעלד האט אפן דערמאנט די שחיטות אויף יידן אין ווילנע, אין ביאליסטאק, אין לובלין און די קרבנות פון דעם לאגער אין כעלמנא. דאס זיינען געווען פינצטערע טעג פאר יידן אין דעם ווארשעווער אפגעשלאסענעם געטא.

פארענדיקט האט הרב בלומענפעלד מיט א ווארט וועגן יידישן בטחון, מיט דער האפענונג אז מיר וועלן ארויס פון קלעם, אז מיר דארפן האפן אויף א נס.

הרב בלומענפעלד איז ווידער געלאסן אראפ פון דער בינע, אויסגעמישט זיך מיטן עולם און גלייך איז ארויף דער באקאנטער רעציטאטאר און רעזשי־סער זשאק לעווי. ער האט רעציטירט די פאעמע פון חיים נחמן ביאליק „על השחיטה״; א גרויל האט ארומגענומען יעדן פון די פארזאמלטע, עס האט פון די ווערטער פון דער פאעמע ארויסגעשריגן א גאנץ פאלק. אין א טויט שטילקייט האט זשאק לעווי אקצענטירט די ווערטער:

ואם יש צדק — יופע מיד! הצדק יופיע —
אך אם אחרי השמדי מתחת הרקיע ימוגר נא כסאו לעד!

און נאך זיין קינסלערישער רעציטאציע האט זיך אויך זשאק לעווי אויסגעמישט מיט די פארזאמלטע אויפן זאל.

פארענדיט די פייערונג האט א באקאנטער פידלער, וועלכער האט גע־שפילט די מעלאדיעס פון אחרון.

די גאנצע פייערונג האט געדויערט ניט מער ווי א האלבע שעה. אראפ־גייענדיק האט יצחק שיפער שטארק געלויבט דעם רב פאר די דרייסטע ווערטער. ער האט אויך באוואונדערט דעם עלעגאנטן אויסזען פון הרב בלומענ־פעלד, זיין עלעגאנט אלפאגן שניטרעקל און די אויסגעפוצטע שטיוועלעך, וועלכע האבן זיך שטארק אנגעזען אויף דער בינע. עס איז אינטערעסאנט, אז שיפער אליין איז אויך געווען פון די געציילטע, וואס האבן זיך באמיט אפילו אין די שווערסטע טעג אויסצוזען לייטיש, זויבער און ריין. ער האט תמיד געטראגן א ווייסן קאלנער און געפוצט די שיך יעדן טאג, וואס איז אין יענע באדינגונגען געווארן א זעלטענע דערשיינונג.

און עס וויל זיך ביי דער געלעגנהייט פארצייכענען וועגן טראגישן טויט פון דעם באקאנטן הרב יחיאל מאיר בלומענפעלד.

דאס איז געווען אין דער צייט פון די אפטע דעפארטאציעס אין ווארשע־ווער געטא, אין דער ערשטער העלפט פון אויגוסט 1942. אין דער פאבריק פון די ברידער לאנדאו, באקאנטע ציוניסטן אין פוילן, האבן זיך פלוצלינג באוויזן עס־עס לייט כדי דורכצופירן אן אזוי גערופענע אקציע. זיי האבן דאס מאל ארויסגענומען א צאל יונגע, געזונטע מענטשן, כלומרשט צו פארן קיין סמאלענסק אויף ארבעט. צווישן די יונגע מענטשן איז אויך געווען הרב בלומענפעלד. ער האט זיך געוואנדן צו איינעם פון די אפיצירן בכן ער איז שוין איבער 50 יאר, וואלט ער גערן געבליבן ביי דער ארבעט אויפן ארט. דער אפיציר האט ארויסגענומען זיין רעוואלווער און איינגעקע מאל ארייננגע־שאסן דעם רב גלייך אין מויל. ווען דער קרבן איז געפאלן א פארגאסענער מיט בלוט, האט דער רוצח אים נאך א שטויס געטאן מיטן פוס און אויס־גערופן: „די בעסטיע בלוטיקט״.



די קרבנות פון דער אקציע, ארום הונדערט יונגע מענטשן, זיינען גלייך אפגעשיקט געווארן מיט טויזנטער אנדערע קרבנות קיין טרעבלינקע.

דוד אפאלאוו

## ווי שבת־זייד

א טאג איז ווייס,
ווי שבת־זייד,
און קליידט זיך
אין געזאנגען,
ער נעמט מיך
גנעדיק פאר דער האנט
און וועקט אין מיר פארלאנגען.
מיר ביידע
גייען אויף שפאציר
אין בליענדיקן
זונגאלד־ציר.
דער טאג איז יונג,
און העל — צעגרינט,
איך שרייב א ליד
מיט לילא טינט.

אי. נ. שטענצל

## זיך ארויסגעפלאנטערט

II

דער בילעט פון „פארמיטלונגס־ביורא פאר לאנד־ארבעט״ איז פון דער פערטער קלאס. די גאנצע קופעע איז פול מיט אזעלכע סעזאן־ארבעטער — ס'איז דער סעזאן, די זשניווע־צייט אויף די פעלדער. כדי נישט אנצוקניפן קיין שמועס כדי צו זיין מיט מיר, האב איך מיך געשטעלט ביים אפענעם פענסטער. א שווייסיקע חמימה, אן אנגערויכערטקייט פון ביליקן טאבאק, און פון אפענעם פענסטער יאגט אזא ליכטיקע פרישקייט! איך האב אבער אין דער צוויי־שעהדיקער רייזע כמעט נישט געזען דעם דרויסן — עס ווייעט ווי דורך א קיל ווייענדיקן שלייער. די שטאט פארענדערט יעדע מינוט איר אויסזען; זי לאזט זיך אויס מיט אירע גארנדיקע הייזער, מיט אירע הויכע פאבריק־קוימענס; די פארשטעט הייבן זיך אן מיט זייערע ווילעס צווישן אלייען און גערטנער; אפענע הימלען וויקלען זיך אלץ ברייטער. ס'הייבן זיך שוין אן די תבואה־פעלדער, וואס בייגן זיך אונטער די שווערע זאנגען — זיי' ווארטן אונז אפ, זיי זענען אונז מקבל־פנים; אונז, די שניטער . . . אין קופעע ווערט פריילעכער, גזאנג דערהערט זיך — זאלן זיי הערן, די צייטיקע פעלדער אז מיר קומען!

דאס באנדל נעמט גיין פאמעלעכער. מען הערט נישט נאר דאס קלאפן פון די רעדער, אויך דאס אנקלאפן שוין פון איין וואגאנדל אין צווייטן — אלע פאר מינוט שטעלט עס זיך אפ, אביסל חברה לאזט זיך אראפ מיט א שפרונג אין פרייען פעלד אריין. זיי לאזן זיך מיט א גערויש אין א גוט, אין א פאלווארק. פעטע, גרינע לאנקעס, מיד־קייענדיקע קי — איינע, א פעטע, א בייכיקע, הייבט אויף א דריי־גארנדיקן גוידער מיט א פארשלאפענעם מיד־

אויסגעצויגענעם „מו־ו־ו“ מיך צו באגריסן: אפנים, איך בין טאקע אנגעקומען.

איך בין דער איינציקער, וואס שטייגט אויס דא אויף דער פרייער לאנקע. איך פארשטיי, אז איך מוז צוגיין צום דערפל הינטן; צום קירכעלע מיטן הויכן צלם, צום אלטן קלויסטערל, וואס שטייט ווי א פאסטוך געבויגן איבערן סענקעוואטן שטעקן צווישן זיין סטאדע שאף — אינמיטן די נידריקע דארף־כאטעס — און דארטן וועל איך שוין אויסגעפינען.

דאס באנדל לויפט שנעל ווייטער. איך ווייס נישט וויאזוי איך שטיי דא פלוצלינג און נאך וואס איך שטיי דא. ווי אראפגעפאלן פון הימל, ווי אויפ־געריסן אינמיטן שלאף. דאס פארן איז פארבייגעלאפן מיט פארחלומטער שנעלקייט, מיט שטיקלעך דא און דארט — פאר מיינע אויגן אבער האט זיך רק כסדר געמיניעט, געמישט דער בלאק מיט די צייכענונגען, ס׳האט גאר קיין סוף נישט גענומען; יעדע איינע איז אנדערש פון דער אנדערער.

מאדנע דאס זעלבע פנים די זעלבע אויגן און דאך אנדערש. א שטריכל אונטער דער אונטערשטער ליפ און שוין אנדערש; א דיק פינטעלע אין אויג און שוין נישט ס׳זעלבע. א שאד וואס זי זעט מיך נישט איצט! שמייכל איך.

און וואלט איך נאך דארטן געזעסן אזוי ביים „פאפא סעגאל“ אין דער שולע, האלט דער בלאק נאך דיקער געווארן — א געדאנק, א געפיל און מ׳איז נישט דער זעלבער! אן אנדערער!!

און צי בין איך איצט דער זעלבער ווי פאר א יאר ביים ארויספארן אויף סעזאן־ארבעט? פול פרייד בין איך פאר א יאר געוועזן, פילנדיק די דארף־ערד אונטער מיינע פיס, די פרייד פון ארבעט, פון חלוץ־עצמות, די פרייד פון צעפירן די הענט, צו זיין א יגיע־כפימניק —

אדער צי איז דען אט די פרייד אליין נישט געוועזן א טאפלטע? די פרייד פון א חלוץ — ארץ־ישראל און דאס געפיל: כ׳בין א הארעפאשניק, איינער פון אלע — „אלע מענטשן ווערן ברידער“ — — שוין דעמאלט?...

און תמיד קומט עס ביי מיר טאפלט די תאוה און די ליבשאפט... אז תמיד קומט עס ביי מיר אין צווייען — אלצדינג! און ווי זי האט מיך דאס דערטאפט — אינגאנצן!! נאר אין צווייען? און נישט נאר איך... מיין יעדער געדאנק, יעדעס געפיל! און איך פיל ווי יענער ציטער נעמט מיך ארום, ווי אין דער פרי פונקט, ווען כ׳האב זי שטיין געלאזן א מרה־שחורהדיק־פארגלי־ווערטער פארן „פארמיטלונגס־ביורא“ און אין די אויערן קלינגט עס מיר: „סאנט־גאל־לען, סאנט־גאל־לען“...

ס׳איז געוועזן דאס קלויסטערל, וואס האט אנגעהויבן צו קלינגען — צום מיטאג געבעט — ס׳האט מיך אויפגעוועקט.

פון דער ווייטנס דערקען איך, אז דאס מוז זיין דער פאלווארק, דאס גוט, וואו איך מוז צו גיין; און נעם גיין שנעלער און עפעס פיל איך מיך ווי א רוצח וואס לויפט אין אן עיר־מקלט אריין: כ׳וויל מיך ראטעווען, כ׳וויל ראטעווען עמיצן, א צווייטן אין מיר — כ׳וויל ראטעווען מיין נשמה! עפעס וויל איך מיך פון עפעס ארויספלאנטערן...



ווי פארקניפט, ווי פארשלייפט, ווי פארקאלטנט! איז אבער נאך דא א דריטער אין מיר, מיין טאטנס תהלים־ניגון, זיין ברכי נפשי ליבשאפט צום ארום, צו יעדן גרעזעלע, וואו א מלאך שטייט דערונטער און שרייט: „וואקס! וואקסן!“ זיין „לית אתר פנוי מניה“, וואס האט זיך אין מיר געריסן שוין אין טשעלאדוש, ווען כ׳פלעג שפאצירן מיטן טאטן אויף די סטעזשקעס צווישן די צייטיקע פעלדער, א ליבשאפט צו יעדן בוים, צו יעדן נפש. — און שוין שפרינגט מיר אקייגן פון צעפראלטן טויער א הונט, א דאקל — יא, „וואלדי!“, ווי ער פינקלט מיט די אייגעלעך, ווי ער שפיצט מיטן עקל, ווי ער וואקלט מיר אקייגן מיטן לאנגן, פולן בייכל אויף די נידריקע פיסלעך—ער ווייסט מסתם אויך אז ס׳מוז יעצט אנקומען א וויכטיקע פערזאן, א סעזאן־ארבעטער, העלפן אריינ־ברענגען די זשניווע.

אפגעמאכט מיטן בעל־הבית, אז מיינע שכירות זאל איך קריגן אויסגע־צאלט ביים שלוס פון סעזאן. וועל איך קאנען בלייבן דערנאך, אין הערבסט, אפאר וואכן פריי פון פיזישער ארבעט און קאנען עפעס טון פאר מיר; טון מיין עבודה—כ׳מוז דאך אמאל צוזאמען גארבן, אז נישט גייט אלץ אין ניוועץ!

פאר א שיבוש וועל איך באקומען ביי א פויער אין דארף א שטיבל און ווי לאנג דאס געלט וועט סטייען, וועל איך דא בלייבן און שורותווייז וועל איך עס פון מיר ארויסציען, ארויסדריוולען, ארויספלאנטערן קנוילווייז, פאס־מעסווייז — אפילו דער וועג דא אהער, וואס איז געלאפן ווי אין א חלום, ווי א זיך־רייסנדיקער, שפינענדיקער חלום, שטייט דאך מיר אזוי קלאר, אזוי זיידן־שיינענדיק, זוניק־מיניענדיק —

דאס אלטע, צעצלמטע קלויסטערל — א פאסטוך איבערן סענקעוואטן שטעקן געבויגן איבער זיינע פיטערנדיקע שאף.

כ׳ברויך עס דאך נאר צוזאמענצוהאלטן, צוזאמענצוהאלטן! ס׳שטייט דאך פאר מיר, פאר די אויגן. ס׳ציט זיך פארחלומט אזוי מיטן בלוי פון די קוימענ־דלעך, מיט די ריחות פון די שטאלן, צומאל, מיטן גנאי —

איך מוז אוועק פון מיר! פון מיר מוז איך אוועק! נישט פון די מענטשן, נישט פון די פלעצער — לית אתר דפנוי מניה!! די זאכן פעסטהאלטן, די זאכן — אין דעם גייט עס! אין זיי זיך ארייַנלייגן, און ווי צעפיצלט און ווי צעריסן מען איז — מ׳בלייבט אין זיי! דער איך איז א ווירבל־ווינט אין „הויזן“; ער דרייט זיך, דרייט זיך און פארשווינדט.

די ליבע? ווער קאן דאס ווארט עפענען? עס עפנט זיך אויף ווי א גאלדן שמוק־קעסטעלע און ס׳מאכט זיך צו ווי אן אפן קבר —

עס האט געזאלט ארויסקומען א פאעמע, אן עפאפייע. קיין נאמען האב איך נאך נישט געהאט, אבער די הקדמה דערצו, די פתיחה, די אווערטורע — דעם טאן!

נאכט נאך נאכט, נאך די שווערע „סעזאן־ארבעט“ — מ׳יאגט, מ׳שוויצט די ישועה וואס שנעלער אריינצוברענגען, די איבערצייטיקע קערנער זאלן זיך נישט פון די זאנגען ארויסשיטן, א שלאקסרעגן זאל די פולע דראבינע־

וועגענער אויפן וועג צו דער סטאדאלע נישט כאפן — א גליענדיקער אין די נעכט אויף מיינע שטרוי־בינטן מיט די הענט צוקאפנס האבן זיך געוויקלט, די בלעטלעך, די קאפיטלעך זענען מיר געשטאנען פאר די אויגן: בחלום און בהקיץ האט עס זיך מיר געמישט פיבערדיק פאר די אויגן — ווען איך האב מיך אויפגעכאפט, פונם קלינגענדיקן גלאק צו דער ארבעט, האט דאס קלויסטערל געהאלטן שוין אין איין קלינגען: סאנט־גאל־לען, סאנט־גאל־לען, סאנט־גאל־לען.

ס׳איז געקומען דער לעצטער טאג פונם סעזאן. פארנאכט וועל איך באקומען אויסגעצאלט דעם לוין פאר מיינע צוועלף וואכן פראצע. א שטיבל אין דארף האב איך שוין געזעען וואו ביינאכט וועל איך מיך אריינציען. מיר זיצן גוט געלוינט ארום מיטאגס־טיש, — די זשניווע איז געווען א ברכהדיקע, אינמיטן טיש די שיסל קארטאפל מיט קלויסקעס פארעט ווי אן אויפגייענדיקעד קלויסטער־ווייריוך — קלאפט עס אין דער טיר און ס׳קומט אריין צו גיין פרויליין בארטש און מיט איר גאנצער קינסטלערישער היסטעריע — געמאכטער און עכטער! — פאלט זי ארויף אויף מיר.

די בעל־הביתטע האט צוגעשטעלט א טעלער צום טיש, און נאכמיטיג האט דער בעל־הבית מיר אויסגעצאלט פאר די דריי חדשים שווערע עבודה, מיר צוגעלייגט א נאגראדע נאך א פאפירל און מיך שוין באפרייט פון דעם האלבן טאג, לכבוד דעם גאסט, וואס אים קומט א רעשט פון מיר.

אויסגעלאזט האט זיך, אז דעם אדרעס פון דארף האט איר געגעבן טרודע יעגי און זי, טרודע, האט אים באקומען פונם ארבעטס נאכווייז, וואו זי האט מיך, ביים געזעגענען זיך, געזעען אריינגיין. מען האט איר אויך געזאגט, אז פארדונגען האב איך מיך אויף דריי חדשים.

נעכטן איז זי, די טרודע, ארויפגעקומען אין אטעליע — די גאנצע דריי חדשים האט זי זיך נישט געוויזן! — זי האט זיך געזעגנט מיט איר און געלאזן פאר מיר דעם בילעט נאך סאנט־גאלען.

„וואו וועל איך דיך געפינען אין גרויסן בערלין? איך האב געוואוסט, אז היינט איז דיין לעצטער טאג אין דארף, האב איך מיך נישט געקענט איינהאלטן מער . . . בין איך אהערגעקומען דיר ברענגען דעם בילעט קיין סאנט־גאלען“.

דאס איינגעפאלענע קלויסטערל האט נישט געקלונגען ווען מיר זענען געזעסן אין זיין שאטן אויף דער אומענדלעך־אויסגעשפרייטער זון־צעגליטער לאנקע, און דער לעצטער זאץ אירער איז געווען אזוי קלאנגלאז, צעריסן פון אזויפיל היסטערישן צער.

ווי „פארצערט“, ווי צעריסן איר פנים איז! האט מיך א רחמנות־געפיל צו איר ווארעם ארומגענומען: זי איז אן ספק א קינסטלער־נאטור, נאר זי גופא איז זיך תמיד אין וועג . . .

ליבע? תאווה? וואס ווייסן מיר וואס דאס איז אזוינס? וואס ווייסן מיר דערפון? מיר שטייען מאדעל פאר דער נאטור. מיר זענען די פארב, דער



פענזעל און די פאליטרע — ווײ צו אונז, וואס מיר לעבן אין דער צייט פון עקספרעסיאניזם, קוביזם, דאדאיזם, און ס׳קומט אלץ ארויס אזוי צעריסן, צעשטיקלט, צעפיצלט, עקיק און שפיציק—א בלוט־אייטערדיקער קאשמאר!

ליבע, תאווה — וואס איז דאס אזוינס? וואס ווייסן מיר דערפון? און צי קאן מען זיך דען אויסבאהאלטן פון זיך אליין? אז אליין איז מען א פינסטערער קבר . . . אז מ׳קאן זיך נאר אויפעפענען און א צווייטן אין זיך אריינגעמען — גאנץ, גאנץ מיט אלע זיינע עקן, שפיצן, און צעפיצלטקייטן.

ווען מיר זענען אין שפעטן נאכמיטאג אהיימגעפארן, זענען מיר געזעסן אויף דער ווייכער, אויסגעבעטער באנק אין קופּעע פון ערשטן קלאס (ביז מיר וועלן אנקומען קיין בערלין וועט די דיפערענץ פון א בילעט פערטן קלאס ביז ערשטן קלאס סאי־ווי־סאי שוין זיין פארשוואונדן — נישט בחינם איז דעמאלט, אין יענע יארן, אזוי פאפולער געווען דאס ווארט „רעלאטיוויטעט“...) מיר זענען געזעסן ווי פון הימל דער אראפגעפאלענער „מזל־תאומים“. פונם ריטמישן קלאפן פון די רעדער איז פרויליין בארטש איינגעשלאפן און איר קאפ איז געפאלן אויף מיין אקסל — ווי רויק, ווי אימפרעסיאניסטיש־הארמאניש, ממש קלאסיציסטיש־סענטימענטאל האט איר פנים אויסגעזעען און אינם ריטם פון איר הארמאניש־שטילן אטעמען האב איך אויספּעיעט אויפצושרייבן א לידל פון צוועלף שורות — יוסף דילה רינה“.

די דריי סטראפעס זענען געווען אלץ וואס איך האב „אפגעשפארט“ אין די צוועלף וואכן סעזאן־ארבעט.

א קנאפ יאר שפעטער, אין מיינע פאר רויקע חדשים אין לייפציק, האב איך אויך די געדאכטע „אוווערטורע“ אויפגעשריבן; כמעט א יאר דערנאך זי צוגעשיקט דאכט זיך צו ראוויטשן קיין ווארשע פאר א זאמלונג דעמאלט.

סאי דאס „אפגעשפארטע“ לידל האב איך פארלוירן סאי די „אוווערטורע“, וואס האט געהאלטן א שפאר ביסל סטראפעס איז אויך אוועקגעקומען.

ווען מיר זענען אריינגעקומען אין אטעליע, האט עס געטונקלט. דער שיין געגרייטער טיש, ליכטיק־פארביק אינם אויסטערלישן בין־השמשות־ליכט, וואס האט מרה־שחורהדיק אריינגעקוקט דורכן גלעזערנעם דאך, האט גיכער אויסגעזעען ווי א שטיללעבן טונקל איינגערעמט אין די פאנטאסטיש־שטאנדיקע, שיף־ארומרינגלדיקע ווענט. הינטן אין דריי־עק, וואו די דריי דאך־ווענט קומען זיך צוזאם, האט זיך פרויליין בארטש געפארעט א רגע בשעת איך האב מיך ארומגעקוקט, און א גראמאפאן האט אנגעהויבן שפילן „כל־נדרי“ —

שטעלט זיך ארויס, אז היינט און מארגן איז די סעגאל־שולע געשלאסן, ווייל היינט ביינאכט הייבט זיך אן יום־כפור.

יא, ס׳איז געווען א גרויסע „איבערראשונג“! אזוי ווייט שוין האלט עס נישט צו וויסן צומאל ווען ס׳פאלט אויס יום־כפור . . קיין ווינטשקארטל אפילו נישט אהיימגעשיקט . . .

זי האט אויף מיר געקוקט ווי איך קוק א נישט־דאאיקער אויפן טיש . . . ווען פונם טונקלען דריי־עקיק געשפיצטן ווינקל ס׳האט זיך געהערט דער

שארפער דריי פונם „דאנדרנא" האט עס מיר א דריי געגעבן און איך בין נשתנה צורה געווארן.

איר בליק אויף מיר איז געווארן אנגעפילט מיט שרעק און מיטאמאל געקוקט אזוי מענטשלעך־טרויעריק: איך האב געוואלט אזוי שיין מאכן . . . און תמיד קומט עס ארויס פארקערט — זי האט דערפילט איר שטיין תמיד זיך אין וועג . . . זי האט לייבהאפטיק דערשפירט איר גורל . . .

ס'האט מיך אזא רחמנות צו איר ארומגענומען, געוואלט א שמייכל טון, אבער ס'איז ארויסגעקומען קרום, שפיציק, עקיק.

כ'האב נישט געוואוסט וואו אנצוהייבן: „פארשטייסט, איך מוז יעצט אוועקגיין . . . אומבאדינגט . . ." געוואלט ווייטער ריידן, נאר נישט געקענט. געזעען דרייען די פלאטע און די מעלאדיע מער נישט געהערט . . .

כ'האב ליגן געלאזן דעם בילעט קיין סאנט־גאלען אויפן טיש, שנעל ארויס און נאך שנעלער די טיר צוגעמאכט הינטער מיר —

איך האב געוואוסט, אז איר אייפערזוכט, די קנאה צו טרודע יעני איז גרעסער, שטארקער ווי איר ליבע צו מיר.

אויף די שפיץ־נעגל ממש בין איך שטיל אראפגעגאנגען פון די שטיגן. פון דער פארמאכטער טיר האט זיך גארנישט געהערט . . .

## א שיר - המעלותל - פאפורי

א כתיבה טובה פאר אלע חברים בכל מקום שהם:

„הזורעים בדמעה ברינה יקצורו".

א.

„. . . אויף גאניקל ארויס,
שטעטעלע באקוקן",
נעמט הארץ צארנען צעצערט,
צאפלדיק צו צוקן.

פאר גרויס ווייטאג אויסגייט,
שטערנדל נאך שטערן,
ווען זיי א ווייניגדיקס,
דער פאוועס דערהערן.

„געשטארבן", „פארדארבן",
קיינער נישט געבליבן;

קלאפט שמש אין שול אריין,
אדער דעם שוסטערס העמערל?
צום טאקט זינגען סמוטנע צו,
דריי נייטארנס אין קעמערל.

וער לעזן בריוועלע,
נעליבטער געשריבן?

— קיין בן־אדם, אפשר
בריוועלע קאן ליינען,
אבער אונזער וויג־ליד,
מלאכימלעך ענטוויינען.

„ראזשינקעס מיט מאנדלען",
די שטערן זיך שיטן;
וע, ס'לבנה־פנימל,
וי ס'וויגט זיך אין מיטן.

ב.

קרעכצט מאניש אונטער חורבה,
ציט דער פרוש שווער זיין ניגון?
אונטער שרה בת־טובים,
קרעכצן די ווייבער־שול־שטיגן:



„וייט אוועק פארן חתנים,
עגונות בלייבן כלות".
ז'שאקלען זיך שולכל־ווענט,
ביים ברעג ברויזיקע כוואלעס —

ווי „א.יה סוערה"
ארויסגעווײנט פון פאלוש,

ווי סומנע דער הימל,
אראפגעלאזט אויף שטעטל,
דער לעצטער בעל־תפילה",
„שטייט שוין ביים עמוד־ברעטל.

ווי סמוטנע דאס שאקלען,
ערשט דער טרויער אין ניגון;
א.יך דאך איבער א שטורעם,
רייסן זיך ווילדע ציגן,

פון די „דריי נייטארינס",
ביז צו „די דריי שוועסטער",
נישט קיין לידל — ס'ציט זיך,
א גאנצער ארקעסטער.

אויף פלייטן, אויף פידלען,
אויף צימבלען, אויף באסן;
משה לייב צעפויקט זיך,
שפייט קלעק, פולע גאסן.

פון שילער־קראגן ארויס,
דער קאפ כלו טשופרינע;
אין טלית של־תכלת —
געהילט אין פאלערינע.

ער גייט נישט און ער שטייט נישט —
טרעט־אויף ווי אויף א בינע;
ער רעדט נישט — זיין יעדעס ווארט
באגלייט א מאנדעלינע.

מ? קאלכאז ביזן קיבוץ —
דער גלות אזוי לאנג:

ווען תקון־חצות אפגערעכט,
א למד־וואוו א חלוש.

הין און צוריק שטורעמט שיף,
צעבראכן שוין צו ווערן;
זי טרינקט זיך אין ימים טיף,
פון „געזאלצענע טרערן".

ג.

פאר ארון־קודש הענגט,
נר־תמיד — לבנה שטילע;
בריאזקעלע מישט בלעטלעך,
שאקלט זיך ביי דער תפילה.

אויף שפיץ־דאך בעטשעט ציג,
און זי האלט אין איין פרעגן,
ס'בערדל שאקלט זיך איר: „מאי,
קא משמע לן דער רעגן".

ד.

פייפט זישע די וועלט אויס:
זיך צעכעסן, האסן?
ווי ארום פויק קינדער,
ארום טרומייט מאסן.

ערשט דורך פארטיי־קאנאל,
פערזן נעמען ריינען:
ס'הערט זיך נישט געזאנג —
דרוק־פארב ווו דערשינען.

ה.

פון די הילצערנע שטאלצן,
אין זיך, דער אראפנידער;
ערשט דער כל־נדרי־פארטיף,
אונזערע ערשטע לידער.

און וואס טיפער געפאלן,
דער גאנג אלץ ברייטער, ווייטער!
און — „אויב נישט נאך העכער",
אויף פראסטן מאלארזש־לייטער.

ו.

און די גאנצע ערד איז פול,
מיט יידישלעך געזאנג.

קאן מען דען אנדערש קויפן
אייביקייט, ווי מיט טויט ?
„ברינה יקצורו“ — אונזער
לחם־הפנים ברויט.

אז פאר שטיקעלע לחם,
וואס טוט נישט אלץ דער מענטש ?
צומאל ג אט אליין — רבותי,
האסט געגעסן, טא בענטש !

מאדנע, אין גאנצן סידור,
יידיש ווערטער קוים פיר,
און צי זיינען זיי דען נישט
דער שיר־השיר שיר —

„רבותי מיר וועלן בענטשן“!
אזוי בפירוש שטייט;
ווי האראפּאשנע די הענט,
אזוי פשוט די רייד.

ז.

פול איז אנגעגאסן שוין דער כוס,
נישט נאר מיט טרערן און מיט געוויין —
מיט בלוט און מיט גרויל, צום איבערגיין !
פארפלעקט אין בענטשערל יעדעס אות.

איז וואס זאל און קאן געשען, וואס, וואס ?
אן ברכה אויסזשלאקן, אט אזוי,
אין שענק אן אנגעשכורטער גוי ?
לעצטער ווארט אין מויל פון פיסטויל — דער שאס ?

ח.

א סך בעסער נאכגעמאכט,
מיט געמייסטרעוועט לידל,
ווי אין דער מאמע אריין,
מיטן שכור געזידל.

מוכן־מזומן זיך שיסן —
ס׳וואלט זיך דאס געיערידלט !
נאר ש׳קשה, לא פידאלת,
אזוי אויך גוט געפידלט.

היפ, היפ, היפ, היפי ! אזא
ראיענדיקער ביטל;
אויף אלע פיר, אויפן בויך —
דערוואקלט צום געמיטל.

זומענדיק איבער שטעטל —
איבער א בלעטל בליטל !
ס׳מבולט מיט גיפט, מיט האניק,
און נאך אונז — ג אט באהיטל.

ט.

איר קענט דאך די מעשה מיט יענעם חזן,
וואס אלע מעלות האט ער געהאט,
א שיינע בארד, מעורב בין־הבריות,
בלויז געפעלט אים האט דער איינער פרט —

ס׳זיסע קול־נגינה, די כלי נעבעך !
טא זאגטזשע אליין, איבער איין זאך,
(אלע נויטיקע מעלות האט ער לרוב !)
אים פסלען חלילה פונם פאך ?

ס׳איז נישט א חרס־הנשבר־משל,
נעבעך גאנצער נמשל שוין איצט אליין :



חנופה, כיטרע, הוצפה — וואס אין דער קארט !
יענע דריי־איניקייט אויפס כוח צו גיין —

עלנבויגנס בחסד־העליון :
א כוואט, א יאט, א ברודער — א גאש־בראט !
אלא ס׳פעלט אים נעבעך דאס פינטעלע ?
גיי פסל א פאעט, איבער איין פרט.

י.

וואס איבערגעבליבן,
אין ראמשן מען צעשניידט,
און אויפן מארק מען ווארפט,
און עס גייט — מען שרייט,
אז עס גייט אזש א רויך.

אז אזויפיל פארגאזט,
אז אזויפיל פארברענט;
נישט געבליבן צומאל,
פון שטעטל — געטא־וועגט !
קאן עס פאסן דער מוזן ?

יא.

גיי איך ארויס אויפן גאנעק,
זע איך אוישוויץ, מײדאנעק;
וואס פריץ געלאזן, געירשנט
דער גוטער שכן פראנעק.

וואל איך לאזן א קללה אים,
פארשעלטן אויך אויף אייביק ?
צי פארגעסן גאר, פארגעביק,
און ווייטער ציען גלייביק ?

און וואס אייגנטלעך באבי־יאר,
אויף דער לינקער זייט דער צער ?
„נישעווא“; „כארשא“; אויף דער שנעל,
איבערניטשעוועט חמ״ל־שינעל ?

יב.

„ווער ס׳האט נאר א ליבע געפירט,
דער זאל מיר העלפן וויינען“ — —
אלע צוזאם מיט לעצטן כוח,
זיך פאראיינען אין איינעם.

אז וויאזוי די כותל־וואנט ?
איז זי נישט שטיין געבליבן,
גלותדיק צוריקגעקומען,
נאך צוויי טויזנט יאר געטריבן ?

צי א מצבה צופאלן,
צעבראכן הארץ גאנץ אויסוויינען ?
קאפ אין וואנט אזוי לאנג שלאגן,
און מיט די שטיינער פארשטיינען ?

אויב לידער נאך איצט געשריבן,
איז עס מיט ציין אין שטיין קריצן !
ג אט אליין שוין זאל זיי ליינען,
וויינען מיט דונער און בליצן.

יג.

אין ממעמקים גרויל,
שוין פון טיפסטן שאול,
פארקנוילט אין יסורים־קנויל,
ווי ווויל איז נאך דעם מענטש, ווי ווויל —

פארקוילט צום שטיקעלע קויל,
פארקאלכט צום ברעקעלע קרייד,

גאנצער צער פון הארץ,
לעצט פיצעלע לייד,
ווייס אויף שווארץ,
שווארץ אויף ווייס,
טליעט אויף מיט אלף בית.

צומאל אין חשכות פון חצות,
כוחות דאך נאך מ׳צונויפקלויבט,
און ס׳העלט אויף הייליק אות.

הענט און אויגן אויף מען הויבט,
מ׳ווײנט, מ׳לויבט,
אין לעצטער רגע נאך מ׳גלויבט,
מיט ווערטער זיך מ׳פארטויבט.

און פיצעלע פינטעלע ייד,
גליט אויף נקודה צום ליד.

אבער אז פון אלץ שוין בארויבט,
אש אין שטורעם־ווינט צעפלאשעט און צעשטויבט —

יד.

ווען ס׳שרייבט זיך שווער און ווען נאך שווערער,
ביי אים ממש א רענדל א ווארט;
קאן מען ציילן שטערן אויף הימל ?
אזוי ווארט פון זיין מויל אפגעשפארט.
דער עיקר דאך צווישן די שורות —
געגוגנט א שורהלע דא און דארט !

ווער ס׳לעבט זיך לייכט און ווען ס׳שטארבט זיך לייכט,
אים קומען ביידע אן מיטן טויט;
בלויז קאן עס דען אנדערש זיין ? דערפאר
אונזער אייביקייט גאט אים פארטרויט.
אין אייגענעם בלוט די פען ער טונקט,
זיין שולד, אז טיילמאל, ס׳ווארט אזוי רויט ?

טו.

ווו אים צו געפונען,
אדער ערשט ער זיין וועט ?
ווו יידישער קבוץ,
דארט יידישער פאעט.

און צומאל דער פאלטשער,
באווייז פון אים ס׳איז דאך;

ווי פאר עכטן פערל,
אומעכטער איז עס נאך.

ימים־טיף נידערן —
א פערל ארויף מ׳ברענגט;
ווי קונציק בויערן,
ביז געסילעט זי הענגט.



דער יידישער פאעט,
ער וועט זיין, ער איז דא,

אין ברויז פון אונזער זיין —
ר׳איז די טיף, ר׳איז דער דנא.

יוסף ד. באסט

# באלעסלאוו לעסמיאן

כ׳האב אנומלט געהערט דעם פאלגנדיקן אנעקדאט :

אין פאריז איז אמאל פארגעקומען אן אינטערנאציאנאלער קאנגרעס פון היסטאריקער, צו וועלכן ס׳איז אויך פארבעטן געווארן א פארשטייער פון פוילן. דער פארזיצער האט אים פארגעשטעלט פאר זיינע פראנצויזישע קאלעגן מיט די פאלגנדע ווערטער :

„דאס וואס דער פוילישער געלערנטער קאן בעסער פון אונז די געשיכטע פון פוילן, איז זעלבסטפארשטענדליך. די צרה איז אבער, אז ער קאן אויך בעסער פון אונז די געשיכטע פון פראנקרייך“.

דער געלערנטער, וועלכער האט געקאנט בעסער פון די פראנצויזישע געלערנטע ניט נאר די געשיכטע פון פוילן, נאר אויך די געשיכטע פון פראנקרייך, איז געווען דער באוווסטער „פוילישער“ היסטאריקער, פראפ. שמעון אשכנזי . . .

דער דאזיקער אנעקדאט האט זיך מיר דערמאנט, ווען איך האב באקומען אין די הענט אריין דאס קליינע ביכעלע, ארויסגעגעבן אין פוילן מיט עטלעכע יאר צוריק, וואס ענטהאלט אן אויסוואל פון לידער פון באלעסלאוו לעסמיאן.

ווייל די צוויי באדייטנסטע פארשטייער פון דער פוילישער מאדערנער ליריק — באלעסלאוו לעסמיאן און יוליאן סוווים — זענען געווען יידן.

איך ברענג דא אן איבערזעצונג פון לעסמיאן׳ס א ליד.

## אויפן גרינעם טייך . . .

אויפן גרינעם טייך א שיפל ווארט,
זיינע ברוינע וויאסלעס שטארצן הארט.

מיר׳ן אפשווימען פון דאנען ווייט אוועק
מיט די לאנקעס שווומענדע לענגאויס דעם ברעג.

קוקסט אויף מיר פון שלאף ארויסגעטוקט,
ווי ס׳קוקט א סארנע אויפן וואלד פארקוקט

און איך פארשטיי דיין בליק, וואס רעדט אן רייד
און איך פארשטיי די קלוגשאפט פון דיין קלייד.

וואס נעמט ארום דיין אויסגעצערטלט לייב,
אזוי ווי איך קען צערטלען דיך, מיין ווייב !

ווייל איך פארשטיי, ווי קושן דיך מיט לוסט,
ווי לייגן מיינע פינגער אויף דיין ברוסט,

ווייל איך דערהער, פאַרשטיי דעם שטומען רוף
פון דיין צעפלאַקערטן, דיין תשוקה׳נדיקן גוף . . .

יאָ, אַלץ פאַרשטיי איך, נאָר פאַרוואָס איך וויין,
דאָס איינציקע גאָר קען איך ניט פאַרשטיין.

עלזאַ לאַסקער־שילער

## דער אַלטער טעמפּל אין פּראַג

(פון דייטש: שמעון וווזעק)

טויזנט יאָרן ציילט דער טעמפּל אין פּראַג;
שטויביק־גרוי איז לאַנג שוין זיין שטילער טאָג.
עס האָבן פאַרשלאָסן די טויערן די אַלטע פּני־העיר.

עס גייען ווידער זייערע זין אין שלאַכט — —
דער צעבראָכענער טעמפּל־שטערן דערוואַכט
און בענטשט די העלדן זיינע, די יונגע גרענאַדיר.

ווידער שיינט דער מזל־שטערן
איבער דער בעמישער יידישער שטאָט — —
פון גינגאָלד גאַנץ — —
ווי נאָר אַזוינס דער הימל שטערן האָט.
און הינטער זיין גלאַנץ
בעטן ווידער יידישע מאַמעס, אַזוי ווי פריער.

י. ח. קלינגער

## על מות חבר

אויפן פריצייטיקן טויט פון משה חיים ליכטשטיין ז״ל

„עוד יש הרים נכחדות בתפוצות הגולה, עוד הותיר אלקינו לפליטה גדולה
בהן יעשן במסתר גרנו הישן; גחלת לוחשת בערמת הדשן״. . .

אויף מיין און אונזער אַלעמענס הייליקן און אייביקן מאַמע־לשון **יידיש** איז דער פּשוטער טייטש פון די העכער ציטירטע שורות פון ח. נ. ביאַליקס **„המתמיד״**: נאָך פאַראַן שטעט פאַרוואָרפענע אין גלותדיקער צעשפּרייטקייט, אין זיי טליעט אין פאַרבאָרגעניש אונזער אַמאָליק ליכט; נאָך האָט גאָט צוריק־געלאָזן פאַר גרויסער אַנטרינונג אַ גליענדיקע קויל אויפן בערגעלע אַש״. . .

און צווישן די געראַטעוועטע דורך אַנטרינונג, טליענדיקע קוילן אינעם זשאַר וואָס אויפן בראָק, דאָס צאַנקענדיקע ליכט, דער יידישער תלמיד־חכם, פּאָעט און פּובליציסט משה חיים ליכטשטיין; אַן אָפּשטאַמיקער פון אַ ליטוויש־פּויליש שטעטל, אַ זון פון אַ רבֿ בישראל, אינעם פריען עלטער פון 64 יאָר. דער נפטר איז געקומען צו קבורה אויפן יידישן בית־החיים „באַניע״ אין פּאַריז, דעם 14־טן אויגוסט 1969.

זייענדיק נאָך גאָר אַ יונגערמאַן האָט מ. ח. ליכטשטיין דעביוטירט מיט זיינעם אַן עטיוד **„יונה בן אמיתי״**, דערשינען אין וואַרשע 1928, וואָס האָט באַלד געהאַט אַ פּאָזיטיוון אָפּרוף פון דעם באַרימטן יידישן ליטעראַטור־קריטיקער, דעם גרויסן מחמיר, מוהר״ר י. ראַפּאַפּאָרט.

איבער דרייסיק יאָר האָט מ. ח. ליכטשטיין אָפּגעפּינצטערט־געלעבט אין ד׳ער יידישער ק״ק פּאַריז, אָבער ניט צוגעלאָזט געוואָרן צום שטענדער פון דער יידישער ליטעראַטור און פּרעסע, ווייל ראשית — האָט ער ניט געוואָלט דינען צו קיין שום פּאָליטישן אָפּגאָט, והשנית — סע האָבן אים געפעלט די עלענבויגנס פון עם־האַרצישע גראַפאָמאַנטשיקעס; ער האָט צופיל געוווּסט, צופיל געקענט, סיי פראַנצויזישע סיי אונזערע ליטעראַטורן אין אַלע דריי לשונות (לשון קודש־עבֿרית, אַראַמיש און יידיש!) און זיין ליטעראַרישער ניוואָ און געשמאַק האָבן ניט דערלאָזט אים אויף צו קענען פאַרליידן די מוראַדיק־גרויסע דורכשניטלעכקייט, וואָס פויזעט און בושוועט אויפן גוף פון אונזער שווער־געפּרוווטער יידישער קונסט און קולטור . . . דאָס און דערצו נאָך זיין צו שטרענגער אינדיווידואַליזם האָבן אים אַוועקגעשטעלט אין אַ זייטיקן ווינקל . . .

ער האָט געמאַכט פּרוּוון מיט זיינע אייגענע צייטשריפטן „פרייע האָריזאָנטן״, שפּעטער מיט אַ ספּאָראַדישער אויסגאַבע „ייד און וועלט״ (דער לעצטער נומער „ייד און וועלט״ איז מיט צוויי חדשים צוריק געווען געדרוקט אין תל־אָבֿיבֿ), וואָס האָט באַוויזן, אַז ער איז אַ גרויסער מייסטער פון דער יידישער שפּראַך, אַ גלענצנדיקער פּאָלעמיסט און פּאַמפלעטיסט, אָבער ער האָט געקעמפט קעגן ווינט־מילן . . .

זיין ביכל פּאָעזיע, און פּאָעזיע איז דאָס בפה מלא, א.נ. „די בלויע שעה״, דערשינען אין פּאַריז 1962, איז אַן אַטעסטאַט פון גוטן געשמאַק און טיפער השפּעה וואָס די פראַנצויזישע דיכטונג פון אַ פּאָל וואַלערי און אַנדערע האָבן געהאַט אויף אים. זיינע לידער אינעם דאָזיקן בענדל „די בלאָע שעה״ צייכענען זיך אויס מיט אַ סך נשמהדיקייט, רייכקייט פון פּאָעטישער וויזיע, טיפקייט פון מחשבה, געדאַנק און עשירות פון יידישער שפּראַך.

לסוף, כדי נאָך בעסער צו אילוסטרירן מיינע ווערטער זאָל דינען אָט דער־דאָ בריוו וואָס איך האָב מיט אַ צייט צוריק געהאַט באַקומען פון אים פון פּאַריז; און אײדער מיר לייענען דעם דאָזיקן בריוו באַגלייט מיט זיינעם אַ שיר, וועל איך מסיים־זיין מיט די ווערטער: **יהי זכרו ברוך!**

און אָט איז דער בריוו:

פּאַריז, דעם 20סטן אָקטאָבער, 1965

חשובֿער קלינגער,

באַקומען היינט אייער בריוו, דעם טשערטשיל־לוח און די שנה־טובֿה. פאַר אָט די אַלע זאַכן ווי אויך פאַר אייער צוגעגרייטן אינדיק, קאַרפּן, ליקער, שוואַרצע קאַווע דאַנק איך אייך און מעגלעך טאַקע, כ׳וועל קומען טועם זיין

פון אט די מעדני־מלך לכשירחיב. דערווייל בין איך פארנומען מיט „פאפי־רענע" געשעפטן, דארף באווייזן דעם דויטש דעם בעל־רחמים, אז כ׳לעב; דאס הייסט, דארף צושטעלן א צייגניש, אז כ׳בין ניט געשטארבן און אזוי ווי כ׳האב ניט קיין מעטריקע גייט עס צו שווער. דאס און נאך אנדערע זאכן האבן מיך אפגעהאלטן פון דער נסיעה קיין לאנדאן.

זייט געזונט, גריסט אייער חשובע פרוי און לאמיר האפן, אז מיר וועלן זיך אינגיכן זעען אין לאנדאן.

אייער : מ. ח. ליכטשטיין.

פ. ס. פון צייט צו צייט טוט מיך א ריר אונטער די פליגלען און כ׳מוז אנשרייבן א ליד, הגם איך ווייס, אז כ׳וועל עס צו קיינעם ניט שיקן און פאעטיש האב איך פאר קיינעם צו ריידן. היינט האט זיך מיר אנגעשריבן עפעס משונה־דיקס. עס איז נאך רוי, אומבאארבעט, עס איז פול מיט שווארצן יאוש און אומהיימלעכקייט. כ׳שרייב עס איבער פאר אייך סתם אזוי ווי א מענטשלעכן דאקומענט.

## אין א הארבסט־טאג

מאמע, די גאנצע ערד איז איצט דיין ברוינער, איינגעקנייטשטער גוף,
און מיטן בלויען פארטעך פון הימל ווישסטו אין דיינע אויגן די טרערן.
עס מורמלען נאך אלץ דיינע ליפן פרום
„גאט פון אברהם" ווען ס׳וויזן זיך אויף אים די ערשטע שטערן.
גאר די וועלט איז איצט אן אייביקער אינדערוואכן;
אויף אלע רוימען הענגט דער אש פון קללה —
ניט קיין שבת, יום־טוב, קיין קידוש און הבדלה !
עס בלוטיקט ווי א קופערנע פאן אויף העליש פייער
דער נאקעטער סקעלעט פון דער וועלט,
א דער נאקעטער סקעלעט !. . .
וועמען פון די טיפענישן רופן ?
צו וועמען שיקן א געבעט
ווי א פלאטערנדיקע טויב ?
אז יעדעס ווארט שטויסט זיך אן
אויף א שווארצער, אומדורכדרינגלעכער שויב !
אמאל אמאל איז דאס פאלק
געגאנגען ווי אן אבל
ביי די טייכן פון בבל
און אויף די ווערבעס זיינע פידלען צעהאנגען.
היינט, אנשטאט פארשטומטע געזאנגען,
הענגען דארט טויטע גופים,
שאקלען זיך ווי לולבים הין און הער
אן אויפהער.



און ווען עמעצער טוט א זאג :
א, שריי צו גאט פון דיינע פיינען, רוף אים,
צעבאמבעלען זיך אויף אלע אשיקע צווייגן
די טויטע גופים און בלייבן פארשטארט
אין טיפן, אייביקן שוויגן.

מ. ח. ליכטשטיין

י. ריכטיגער

## דער אידעאל פון תורת משה (המשך)

די דייטשן פון פאר דער לעצטער וועלט מלחמה זענען געווען דאס העכסטע קולטור פאלק אין דער וועלט. זייער טעכניק, קונסט, רעליגיע און וויסנשאפט האט פארנומען דעם אויבנאן אין דער געזעלשאפטלעכער צוזא־מענלעבונג. נאר מחמת דעם וואס זיי זענען אומציוויליזירט האבן זיי באנוצט זייער קולטורעלן פארמעגן צו באגיין דעם אומגעהויערסטן בעסטיאלן פאר־ברעכן אין דער געשיכטע פון מענטשנמין. אין דער זעלבער צייט האבן עטנאלאגישע פארשער אנטדעקט וואנדערנדיקע שטאמען אין די דזשונגעלס פון ציילאן, וואס האבן נאך ניט געלערנט די מלאכה פון ערד ארבעט און זענען אפילו ניט קיין פאסטוכער, דאך שטיין זיי אויף א הויכער מדרגה פון ציוויליזאציע: זיי העלפן מענטשן אין נויט, האבן איין ווייב, און קינדער האלטן בכבוד זייערע עלטערן. (היומאן נעטשער" ג. עליאט סמיט).

אין אמתן, באשרייבן די טערמינען „ציוויליזירט און אומציוויליזירט" די קוואליטעט פון א קולטור—צי זי איז א מענטשלעכע אדער אן אוממענטש־לעכע, ניט די קוואנטיטעט—די אנזעעוודיקייט פון א קולטור. און אויב ציווילי־זאציע—מאראל און עטיק—וואלט האבן געווען דער יסוד פון די פארצייטישע קולטורן, צי קאפיטאליסטישע אדער קאלעקטיוויסטישע, וואלטן זיי ניט אונטערגעגאנגען. זיי זענען פארשווינדן ווייל מען האט זיי אנטוויקלט אויף די אומציוויליזירטע יסודות פון אומבאגרעניצטער פרייהייט און טאטאלער באצווינגונג.

וועגן דעם טאקע איז פארגעקומען די כסדרדיקע איבערחזרונג איז אויך די איצטיקע קולטורן זענען דערפאר אויפן וועג פון פארפאל. אין איינשטי־מיקייט מיט דער עקסטרעמיסטישער טעאריע פון אומבאגרעניצטער פרייהייט, ווארפט די יוגענט פון זיך אראפ דעם עמבלעם פון מאראל. די הפקרדיקע צעלאזנקייט רייצט אויף זייער תאווה צו אויסגעלאסענע תענוגים, וואס פאר־עיפושט זייער קערפער, צעטומעלט זייער געהירן און באדראעט די עקזיסטענץ פון דעם דעמאקראטישן קולטור סיסטעם, וואס האט זיך ערשט אנגעהויבן צו אנטוויקלען אין די לעצטע דורות.

אדער אין איינשטימיקייט מיט דער אנדערער עקסטרעמער טעאריע פון טאטאלער באצווינגונג, וואס דולדעט ניט קיין שום אנדערן דענקן און לעבנס־שטייגער, ווערט קארופטירט די אקטיוויטעט פון יונג און אלט מיט טעראר, שלום ווערט אויפגעהאלטן מיט דער מורא פאר טויט. און דער רעזשים איז

גלייך צו א דרומעלדיקן ווולקאן מיט פון צייט צו צייט אונטערערדישן געקראך און געדינער, וואס דראעט יעדן אויגנבליק צו עקספלאדירן און צעשמעטערן אין פיצלעך דעם דיקטאטארישן סיסטעם, ערשט אנגעהויבן אנטוויקלען זיך אין די לעצטע דורות.

אז צניעות און גוטהארציקייט אדער מאראל און עטיק זענען טאקע די צוויי יסודות פון דעם ציוויליזאציע פראצעס, אין תורת משה, ווייזט זיך קלאר ארויס פון די ווייטער־ציטירטער הלכה. רבי האט געפסקנט, אז צוליב קיין מצוה זאל א ייד איינשטעלן זיין לעבן, ווייל „וחי בהם״: די מצוות זענען באפוילן געווארן צו לעבן מיט זיי, „ולא שימות בהם״: ניט צו שטארבן פאר זיי, אויסער אויפצוהאלטן די קאנצעפציעס פון מאראל און עטיק. אין עקס־טרעמע פאלן פון „גילוי עריות ושפיכת דמים״: פארטיידיקן אימיצן קעגן א סעקסמאניאק אדער א מערדער דארף א ייד אפילו אוועקגעבן זיין לעבן. (ויקרא י״ח, סנהדרין ע״ד) פשוט דערפאר, וואס אויף די צוויי יסודות פון ציוויליזאציע מוז, לויט תורת משה, אויפגעבויעט ווערן יעדע קולטורעלע אנטוויקלונג פון דעם מענטשנמין.

## יידיש טעאטער אין לאנדאן

אין א צייט ווען „יידישיסטן״ פארגיסן טייכן טינט צו באוויינען דעם גורל פון „יידיש אין ענגלאנד״, איז פשוט באגריסט צו ווערן די ארבעט פון א גרופע יידישע שוישפילער אין לאנדאן.

„דאנערשטאג, דעם 25טן סעפטעמבער הויבן מיר אן אונזער נייעם סעזאן מיט מיין מוזיקאלישע קאמעדיע „לאמיר טרינקען לחיים״ און איך ארבעט שוין איבער א נייער פיעסע״ — אינפארמירט אונז דער אנפירער פון קאלעק־טיוו, הערי אריעל. „ווי איר זעט בין איך אליין דער מחבר, רעזשיסאר, אקטיאר, דעקאראטאר און וואס אין דער קארט . . . מיר האבן נישט קיין הילף פון קיינעם. אלץ ווערט געשאפן מיט אייגענע כחות און דער רעזולטאט איז זער א גוטער. מיר האבן איצט א סך מער פארקויפטע פארשטעלונגען פאר פאר־שיידענע ארגאניזאציעס ווי דאן ווען מיר האבן געשפילט פערמאנענט אלע נאכט״.

איז טאקי צו באוואונדערן ווי צוויי אדער דריי מאל א וואך ווערט ליכטיג און לעבעדיג אין „גרענד פאליי״. גרויסע קארס פון גאלדערס גרין, עדזשווער, העמפסטעד גארדען סאבערב און אנדערע רייכע געגנטן פילן אן די זייטן־געסלעך ארום קאמערשל רויד. דאס קומט דער צווייטער און דריטער דור ענגלישע יידן אהיים . . . זיי זיצן אויף די זעלבע פלעצער וואו זייערע טאטעס, מאמעס, זיידעס און באבעס זיינען געזעסן און דאס קליינע טעאטערל הילכט ווידער מיט הארציקן געלעכטער און שטורמדיקן אפלאז.

„דאס דערמאנט מיך אין די אלטע גוטע צייטן״ — זאגט מרים קארא־לאווא, וועלכע איז צוזאמען מיט איר מאן, לעאן בלומענזאן, געקומען קיין לאנדאן אויף גאסטשפילן אין יאר 1937 און שוין דאן באשלאסן אז דא וועט



אמאל זיין זייער היים. דער גורל האט געוואלט אז מרים קאראלאווא זאל פריער אלס סטאר פון דער יידישער אפערעטע באריזן די גאנצע וועלט און אין דער לעצטער מלחמה איז לעאן בלומענזאנען ליידער באשערט געווען מיטצומאכן דעם גאנצן גרויזאמען קאשמאר פון אויסשוויץ, אבער זייער וואונש איז דערפילט געווארן: זייער היים איז אין ענגלאנד און זיי זענען ווידער באליבט ביים לאנדאנער יידישן טעאטער עולם פונקט ווי אמאל.



פאטא־מאנטאזש פון א טייל פון דער „חבירים־גרופע.״

די איבעריקע חברים שוישפילער זיינען אויך פול מיט ענטוזיאזם פאר זייער ארבעט. מעטא און דוד סעגאל, וועלכע שטאמען פון ווילנע, האבן זער א רייכע טעאטער פארגאנגנהייט. די לעצטע יארן איז דוד סעגאל פאפולער ביים עולם אלס כאראקטער קאמיקער. מען דארף אבער נישט פארגעסן זיינע קרעאציעס אין „א גאלדפאדן חלום״, שעקספיר׳ס „דער קויפמאן פון ווענעדיג״

און אין די צאלרייכע פיעסן פון שלום עליכם, גארדין און אנדערע אויפפירונגען פון קלאסישן רעפערטואר, ווי ער האט זיך באליבט געמאכט צוזאמען מיט זיין פרוי און פארטנערין, די פאלקסטימליכע אקטריסע, מעטא סעגאל.

מאקס באום, א פאפולערער שוישפילער מיט לאנג־יעריקן בינע סטאזש, איז זער רוטינירט אין כאראקטער ראלן, סיי אין דראמע, סיי אין קאמעדיע (דער עולם געדענקט אים נאך אלץ פון דער סוקסעספולער אויפפירונג „דער קעניג פון לאמפעדוזא"), איז אויך א גרויסער ביישטייער צום איצטיקן דערפאלג. נאר ווען מען זעט אויף דער בינע די יונגע אקטיארן און אקטריסעס פון דעם אנסאמבל, הויבט מען אן גלויבן אז יידיש טעאטער וועט נאך עקסיסטירן אין לאנדאן זער א לאנגע צייט. סידי סקאפ איז דערצויגן געווארן אויף דער בינע פון „גרענד פאליי". געשפילט מיט אלע אויסלענדישע סטארס וועלכע האבן דא גאסטראלירט און איצט שפילט זי אליין הויפט־ראלן. אסתר זילבערבערג האט זער יונג אנגעהויבן איר קאריערע מיט יוסף בולאוו אין „אלעקסאנדרא טעאטער" און שפעטער געשפילט מיט דינה האלפערין און אנדערע גרויסע קינסטלער. זי האט זיך איצט ענטוויקלט אלס ערשט־קלאסיקע דראמאטישע שוישפילערין. בערנארד מענדעלאוויטש האט זיין טעאטער קאריערע אנגעהויבן ווען ער איז אלט געווען 9 יאר און געשפילט קינדער־ראלן און איצט איז ער דער געזאנגס־ליבהאבער פון דער טרופע. מיט אמתן יוגנטליכן ענטוזיאזם זאגט ער: „שוין 40 יאר ווי קריטיקער האמערן זייערע טשוועקעס אין דעם ארון פון יידישן טעאטער און דערווייל לעבן מיר נאך אלץ . . . אונזערע פארשטעלונגען זיינען אזוי פאפולער און דער קאנטאקט מיטן עולם אזוי נאענט, אז מען פילט מאמענטאל ווי דאס ווארט דערגרייכט נישט בלויז דאס אויער, נאר אויך דאס הארץ פון דעם צוהערער."

איצט בלייבט אונז נאר צו ווינשן דעם לעצטן מנין יידישע אקטיארן אין לאנדאן וייטערדיקן דערפאלג אין זייער ארבעט אויפצוהאלטן דאס לעבעדיקע יידישע ווארט.

י. פ.

## רייטשל סאראקין ע"ה

נאך א פאדים מיט דער פארגאנגענהייט פון יידישן טעאטער איז איבערגעריסן געווארן דערמיט וואס רייטשל סאראקין איז מער נישט צווישן די לעבעדיקע.

ווי אנ׳אמתער פיאנער איז זי געווען פון דעם באשיידענעם אנהויב ביז דעם אויפבלי פון „פאוויליאן טעאטער" צוזאמען מיט די גרעסטע נעמען ווי מאסקאוויטש, פיינמאן און קעסלער. אויף דער עלטער איז זי געווען אנ׳אנגעזעהענער מיטגליד פון דעם יידישן טעאטער „גרענד פאליי". זי האט געשפילט אזוי לאנג ווי דער געזונט צושטאנד האט איר דערלויבט.

א רויקע, איידעלע פרוי פון דער נאטור, איז זי דאך געווען אויף דער בינע א שטארקע פערזענליכקייט. זי האט געשפילט דראמאטישע ראלן זער איבערצייגנד און אויך געהאט אנ׳אייגנארטיקן סטיל אין קאמעדיע.



עס איז אוועק פון אונז אנ׳אלטער פריינט וועמענ׳ס אנדענק וועט אלעמאל בלייבן אין אונזערע הערצער.

בערנארד מענדעלאוויטש

מיר באטייליקן זיך אינם טרויער איבערן פריצייטיקן טויט פון דעם תלמיד־חכם און וויסנשאפטלער, **פראפ. יוסף ווייס**, ז"ל.

צום טויט פון פריינט **שיע פוקס** דריקן מיר אויס אונזער טיפן מיטלייד צו די פרוי און קינדער און צו די ברידער פונם נפטר, די שרייבער א. מ. פוקס און י. א. ליסקי.

אונזער טיפן מיטלייד צו חזן רעוו. **שמואל ראט** צום נפטר ווערן פון זיין פרוי.

פריינט פון יידיש לשון

אייזיק גאלדבערג

### 21 יאר

געווידמעט אונזער אייניקל זשעקלין ביטשמאן,
צו איר איין און צוואנציקסטן געבוירן יאר.

מזל־טוב דיר אייניקל,
צו דיין איין און צוואנציק יאר,
דאס איז, יעצט דער צייכן,
צו א ניי לעבן גאר . . .

א גאר נייע ווענדונג,
א נייע לעבנס־צייט,
גלידערט זיך צוזאמען,
אין דיין לעבנס־קייט.

בילדער פון דיין יוגענט,
פון דיין קינדער־צייט,
וועלן דיך באגלייטן,
שטענדיק ווייט און ברייט.

יעצט ביסט דו דערוואקסן,
צו גיין, אליין מארשירן,
זאל דאס „מזל" שטענדיק,
דיך אין גוטע וועגן פירן.

נו, זאלסט דו פיל געניסן,
פון לעבנס־גליק, מיט פריידן.
דאס זענען אמת׳דיקע ווונטשן,
פון דיין באבע מיטן זיידן.

## לשנה - טובה - ווונטשן (המשך)

לשנה טובה שנת ברוכה׳ ושלום צו מיינע קינדער אייניקלעך און אייניקלעך, און מיין גאנץ משפחה, ושלום בישראל. ובאשר הם שם. ח. נ. בענקוויש.
5, St. Marys Avenue, London, N.3.

לשנה טובה צום נשיא אין ישראל שלמה זלמן שזר און צו מיין טאכטער און איידים נילי און בנימין סלאנט, צו מיינע אייניקלאך,

בישראל צו מיין ברודער זשוליאן גראס און פאמיליע און צו אלע מיינע גוטע פריינט
גוסטא גייפמן.
Gusta Geifman, 108, Hodford Rd.
London, N.W.11. England.

יוסף גרינבערג און פרוי ווינטשן א גוט יאר משפחה און פריינט.

מר. בארנשטיין פון אילפארד ווינשט זיינע קרובים און פריינט א גוט יאר.

דער שרייבער **י. ח. קלינגער** איז אין דעם חודש געווארן א בן חמישים מיר ווינטשן אים נאך א סך יארן אנצוגיין מיט זיין ליטערארישע ארבעט.
פריינט פון יידיש לשון

יאסל חריף

## שופר של משיח *

געווידמעט מיין איניקל חגי

אין לויטערן פרימארגן פון ערשטן טאג ראש־השנה תשכ״ה, האט מיך א צי־געטאן צו מיינע אלטע באקאנטע, צו די תימנער פון אישי. כ׳בין געגאנגען ביחידות איבער די פעלדער, ווו רעשטלעך וואטעקנאספן וואלגערן זיך אונטער די פיס, פארבליבן פון דעם איינגעזאמלטן ביינוול. א פערד, אנגעבונדן אויף א לאנגן שטריק, דרייט זיך אין א קרייז און זוכט א געשמאק גרעזל צום ערשטן אנבייסן. אנאייזל האט זיך צעשריגן, ווי להבדיל א קינד, וואס וויל נאכמאכן שופר־בלאזן. א מיידעלע אין א געבלימט קליידל און בארוועסע פיס, גייט — ווי אמאל די מאמע רחל — פארויס פאר א טשערעדע שעפסן, מיט א לאנגן שטעקן אין דער האנט.

נעענטער צום דארף הערט זיך דאס מעקען פון מעלקנדיקע קי. ווייסע אינדיקעס בלאזן זיך אין די אפענע שטייגן און די פעדערן זייערע פליען פון אלע זייטן, הינער האבן זיך צעקוואקעט.

אין דארף — קינדער אויסגעצוואגענע לכבוד יום־טוב, אין נייע מלבושים, יום־טובדיקייט אומעטום, אין אלץ. פלוצלינג האבן מיינע אויגן דערבליקט פון דערווייטנס די שיינע געשטאלט פון א יונגער פרוי. זי האט געטונקען א לאפן אין אן עמער און געוואשן דאס קעפל פון א יונג קעלבעלע — א שווארץ־ווייס קעלבעלע, מיט א ווייס מארדעלע, זי האט עס אויסגעווישט אויף טרוקן, אריינגעקוקט אין די קעלבערנע אויגעלעך און מיט א מאמיש געפיל א בויג־געטאן זיך צו זיין קעפל, א קוש געטאן אין שטערן, און דער לויטערקייט פון פרימארגן האב איך געהערט דייטלעך דעם קלאנג פון קוש.

זי האט אויפגעהויבן איר קאפ און מיך דערזען — אביסל זיך פארשעמט, איך האב איר א נייגוט יאר געווונטשן, אויסגעפרעגט, ווי ס׳לעבט זיך.

— מען ארבעט נישט און ס׳איז אויך נישטא קיין צייט אין שול צו גיין — האט זי א שמייכל־געטאן.

פון שולעכל האט ארויסגעשאלט דאס שופר־בלאזן. א דינינקער ווידער־קול האט זיך אפגעשלאגן אין די בערג, און ס׳האט זיך אויסגעדוכט, אז אזוי דארף זיין דער קלאנג און דער אויפשאל, ווי מען האט אונז דורות־לאנג געשילדערט דעם שופר של משיח . . .

---

* פון בוך מיניאטורן, „אויף ראנדן פון טעג“, פון יאסל חריף, וואס איז איצט דערשינען אין ישראל, אין י. ל. פרץ־פערלאג.

---

**מיר בעטן אונזערע אַבאָנענטן, זיי זאָלן צושיקן זייער אַבאָנאַ־מענט אָפּצאָל.** דערמיט וועלן זיי פיל פאַרלייכטערן אונזער אַ־בעט.

287

# לשון און לעבן


חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 10־11 (העפט 5־454) דרייסיקסטע יאר אקט־נאוועמבער 1969, לאנדאן


אינהאלט:


| | | |
|---|---|---|
| ווייטשעפל באלאדע, צייט־לידער, „שלום שלום ואין שלום“ | ** | 3 |
| דער אקסיאם וועגן אן אלמענטשלעכקייט (עסיי) | יעקב ריכטיגער | 7 |
| א בריוו צו א מאמע פון א ישראל־סאלדאט (ליד) | הערי פאצאנאווסקי | 9 |
| אינסטיטוט יחזקאל קארנהענדלער | י. ח. קלינגער | 11 |
| די באבעניו ליבע (פאעמע) | עלא זילבערג | 13 |
| זיך ארויסגעפלאנטערט, א חשון־טאג, דעם בעל שם טוב׳ס קרייטעכצער און דער קאריצער (פראזע און פאעזיע | א. נ. שטענצל | 14 |
| דער לאנדאנער יידישער מענער־כאר אין בערלין | שמואל פידערער | 25 |
| ס׳איז גוט זיך צו באשיצן אין גאט (ליד) | עמנואל הרומי | 26 |
| דער שאפער פון ליד —מוזיק מאיר באגדאנסקי, טעקסט—דוד אפאלאוו | | 27 |
| ווינטער (ליד) | שמעון ווזעק | 27 |
| סירל גרינבי | הערי אריעל | 28 |


## יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס

שבת דעם 29׳טן נאוועמבער אייזיק גאלדבערג לייענען ביעטש דערציי־לונגען צו דער יארצייט פון מחבר.

שבת, דעם 6׳טן דעצעמבער יעקב ריכטיגער, א רעפעראט איבער די חשמונאים־עפאכע, מאיר באגדאנסקי וועט זינגען חנוכה און פאלקס לידער.

שבת דעם 13׳טן דעצעמבער רעציטאציעס און געזאנג די באקאנטע אק־טיארן עלען ווינאגראד און סעם גאלדבערג.

## מזל טוב

צו דער חתונה פון יעקב דוד דאמב און לאה רייזל ראזענבערג ווינטש איך חתן כלה און די עלטערן פון יינגן פאר א הארציקן מזל־טוב.

א. נ. שטענצל

---


רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

**פרייז 2 שילינג**

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר

אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע :—

7 GREATOREX HOUSE, GREATOREX STREET, LONDON, E.1, ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Street, London, E.1.*